לאָמיר זיך פאָרשטעלן־ וואָס וואָלט געקאָנט פּאסירן, אויב מ'וואָלט טאקע אייכמאנען באגנעדיקט און זיין טויט־שטראָף וואָלט פארביטן געוואָרן אויף אייביקער תפיסה.

**אין בעסטן פאל** — וואָלט מען אים געדארפט היטן אין א באזונדערער תפיסה, א מין „ישראלדיקע שפּאנדאו“, ארומגערינגלט מיט שומרים 24 שעה אין מעת־לעת. דאָקטוירים וואָלטן געדארפט האלטן א שטענדיקן אויפזיכט אויף זיין געזונט־צושטאנד; עס וואָלטן פאָרגעקומען משפּחה־באזוכן, ווענדונגען און אפשר אויך דעמאָנסטראציעס, כדי צו פאָדערן אייכמאנס פריצייטיקע באפרייאונג.

**אין אַן ערגערן פאל** — אויב אייכמאן וואָלט געשטאָרבן אין תפיסה, וואָלט מען אונדז דאן באשולדיקט, אז מיר האָבן אים דערמאָרדעט.

**אין נאָך אן ערגסטן פאל** (און דאָס וואָלט אבסאָלוט מעגלעך געווען) — וואָלטן פארשיידענע נאציס און נעאָ־נאציס זיך באמיט אים צו באפרייען דורך אָננעמען דראסטישע שריט קעגן יידן בכלל און קעגן ישראלים בפרט. יעדער ייד אויף יעדן אָרט אין דער וועלט, וואָלט זיך פארוואנדלט אין א פּאָטענציעלן ערובניק אין די הענט פון אייכמאנס פריינד, מיטן ציל אים צו באפרייען פון דער תפיסה.

ס'איז בכלל נישט שווער זיך פאָרצושטעלן א מצב, ווען כל־מיני נעאָ־נאצישע גרופּעס, אָדער אפילו א גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון איינעם פון אייכמאנס זין, וואָס לעבט אין ארגענטינע, וואָלטן באהערשט א יידישע שול אין בוענאָס־איירעס און זיי וואָלטן געפאָדערט באפרייען אייכמאנען, און אויב נישט — וועלן זיי אויפרייסן דעם בנין צוזאמען מיט די תלמידים וואָס געפינען זיך אינעווייניק.

וואָס וואָלטן מיר דאן געטאָן? ווי אזוי וואָלט די ישראל־רעגירונג דאן געהאנדלט? מיר וואָלטן מפקיר געווען די קינדער? מיר וואָלטן דאן זיך געווענדט צו דער ארגענטינער רעגירונג און געפאָדערט אָנצוגרייפן די שול? ווער? מיר? מיט אונדזער איבערגעטריבענעם גלויבן פון „קדושה פון לעבן“ אן פּדיון שבויים, „פאר יעדן פּרייז“?...

אדאָלף אייכמאן איז פארמשפּט געוואָרן צום טויט דורך א יידישן געריכט און ער איז געטויט געוואָרן אין דער יידישער מדינה פאר די פארברעכנס, וואָס ער איז באגאנגען קעגן יידישן פאָלק. דאָס איז געווען דער ערשטער טויט־שטראָף פון אַזאַ קאַטעגאָריע, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן — און צו אונדזער גרויסן באַדויערן — אויך דער לעצטער, ביזן היינטיקן טאָג.

ווען מיר וואָלטן פאָרגעזעצט אויסצופירן טויט־אורטיילן קעגן יעדן רוצח פון א ייד, ווייל ער איז א ייד, וואָלטן מיר איינגעשפּאָרט פון אונדז די חרפּה אין די היינטיקע טעג, ווען מ'האָט באפרייט הונדערטער נידער־טרעכטיקע מערדערס פון אזא קאטעגאָריע ווי קאָזאָ אָקאַמאָטאָ און זיינע חברים.

מיכאל גאָלדמאַן

# וואָס וואָלט געווען, ווען...

## (23 יאָר נאָכן טויט־אורטייל אויף אדאָלף אייכמאַן)

**אין דער נאַכט פון 31/5/1962, צוויי מינוט פאַר חצות, איז אויסגעפירט געוואָרן דער טויט־אורטייל דורך תליה אין דער רמלהער תפיסה אויף דעם נאַצי־פאַרברעכער אדאָלף אייכמאַן. דאָס איז געווען פונקט צוויי יאָר און 20 טעג נאָך יענעם אָוונט, ווען ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די מענטשן פון ישראלדיקן אויסשפּיר־דינסט אין איינער פון די פאָרשטעט פון בוענאָס־איירעס, און איז געבראַכט געוואָרן קיין ישראל, כדי צו געבן אַ דין פאַר זיינע שרעקלעכע פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק.**

דער משפּט איבער אייכמאַנען האָט זיך אָנגעהויבן דעם 11־טן אַפּריל 1961 און די געריכט־פּראָצעדורן נאָכן זיך געצויגן אָן איבעררייס אין פאַרלויף פון אַכט חדשים און איין טאָג. דעם 12־טן דעצעמבער יענעם יאָר איז ער אַנערקענט געוואָרן אַלס שולדיקער אין אַלע פּאַראַגראַפן, וואָס די באַשולדיקונג האָט אים פאָרגעוואָרפן און ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף. זיינע פאַרטיידיקער האָבן אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע אין העכסטן געריכט און די אַפּעלאַציע־פּראָצעדור האָט זיך פאַרענדיקט סוף מערץ 1962. די אַפּעלאַציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און דעם 29־טן מאַי 1962 איז באַשטעטיקט געוואָרן דער טויט־אורטייל.

צומאָרגנס, דעם 30־טן מאַי, האָט אייכמאַן אָנגעגעבן אַ בקשה אויף באַגנעדיקונג צום מדינה־פּרעזידענט אין יענער צייט יצחק בן־צבי ז"ל, וועלכער האָט די בקשה אָפּגעוואָרפן. אייניקע שעהן נאָך דעם איז אייכמאַן אויפגעהאָנגען געוואָרן אין דער רמלהער תפיסה. זיין קערפּער איז פאַרברענט געוואָרן און זיין אַש איז צעזייט געוואָרן אין מיטן ים.

בלויז אַ קליינע גרופּע מענטשן זענען געווען עדות ביים אויספירן דעם טויט־אורטייל: צוויי פאָרשטייער פון דער ישראלדיקער פּרעסע, צווישן זיי שמואל שניצער, דער היינטיקער שעף־רעדאַקטאָר פון "מעריב"; דער פאַרשטאָר־בענער זשורנאַליסט אריה וואַלנשטיין, אַלס פאָרשטייער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע; אַ פאָרשטייער פון דער דייטשער פּרעסע ד"ר רודאָלף קיסטערמאַיער; אַ גלח; מענטשן פון דער תפיסה־דינסט; דער קאָמענדאַנט פון תל־אביבער קרייז און צוויי פּאָליציי־אָפיצירן וועלכע האָבן פערזענלעך געקענט אייכמאַנען: דוד פראַנקאָ, דער קאָמענדאַנט פון דער וואַך און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, אַלס אָפיציר פון דער פּאָליציי־אָפּטיילונג 06.

* * *

אדאָלף אייכמאַן איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געבעטן אַ באַגנעדיקונג ביים מדינה־פּרעזידענט ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן. ס'האָבן זיך געפונען אויך אַנדערע, און צווישן זיי אַפילו יידן. נישט ווייניק יידן אין דער וועלט און אין ישראל האָבן שוין פריער אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז מען דאַרף נישט אויספירן דעם טויט־אורטייל, און ער זאָל אַנולירט ווערן. עס פּאַסט נישט פאַרן יידישן פאָלק, אַז אייכמאַכנס טויט־אורטייל זאָל אויסגעטייטש ווערן אַלס נקמה־אַקט — האָבן זיי געטענהט.

דער פּראָפעסאָר גרשום שלום, צום ביישפּיל, האָט געהאַט אַ חשש, אַז מיטן אויפהענגען אייכמאַנען וועט "געשלאָסן ווערן דער חשבון" צווישן אונדז און דעם דייטשן פאָלק. פּראָפ. מאַרטין בובער איז אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבן זיך געווענדט צום מדינה־פּרעזידענט און אים געבעטן צו באַגנעדיקן אייכמאַנען. נישט נאָר יידן זענען געווען צווישן בעטערס פון באַגנעדיקן אייכמאַנען, ס'האָט זיך אַפילו געפונען אַ יידישער יוריסט, אַ תושב פון ישראל, וואָס האָט זיך אַליין פאָרגעלייגט צו פאַרטיידיקן אייכמאַנען אויפן משפּט...

מיר, יידן, זענען אַ נאָבל פאָלק, רחמנים בני רחמנים. מיר גייען ממש אַרויס פון אונדזער הויט, פון אונדזער וועזן, כדי איבערצייגן די וועלט אויף וויפיל מיר זענען פיין און אַנשטענדיק..

אייכמאַן האָט געהאָפט ביזן לעצטן טאָג, אַז ער וועט בלייבן לעבן. אין מערץ 1962, בעת ער האָט געוואַרט אויף דער דעציזיע פון העכסטן געריכט אויף זיין אַפּעלאַציע, האָב איך זיך געטראָפן מיט אים אין רמלה־תפיסה, כדי צו באַקומען פון אים געוויסע פּרטים וועגן אַ נאַצי־פאַרברעכער, וועלכער איז געזוכט געוואָרן אין יענער צייט דורך דער אַלגעמיינער פּראָקוראַטור פון דער עססען־רעפּובליק אין מערב־דייטשלאַנד. בעת דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט אייכמאַן אויסגעדריקט פאַר מיר זיין גלויבן, אַז זיין טויט־אורטייל וועט פאַרביטן ווערן אויף אייביקער תפיסה.

אייכמאַן האָט זייער גוט געקענט אונדזערע שוואַכקייטן. ער האָט געוווּסט אויף וויפיל מיר יידן, באַציען זיך מיט עקל צו טויטן אַ מענטשן. ער און זיינע חברים האָבן זייער גוט געקענט די ווערט פון "קדושה פון לעבן" אין דער יידישער אויפפאַסונג.

אָבער דאָס מאָל — און דאָס איז אפשר אויך געווען דאָס איינציקע מאָל — האָבן מיר אים און זיין גלייכן פאַרנאָטירט אין טאָג־בוך "די באָבע, רעגינע (מיין מוטער) און דאָס קינד זענען אַוועק אויף שמעלץ", איז דאָס געווען טויט.

איך האָב וועגן די געשפּרעכן אינפאָרמירט צענדליקער חברים פון "בונד" און "צוקונפט", ווי אויך צענדליקער פון מיינע פריינד און אָפט מיטגלידער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אַריינגעקומען זענען אין געטאָ פון טורעק 190 יידן און אַ סך פון זיי האָבן מיר און אַנדערע יידן דערציילט די גרוילִיקע געשיכטעס.

געוווּסט האָבן דירעקט הונדערטער יידן אין געטאָ און אומדירעקט — טויזנטער. וויפיל האָבן געגלויבט איז אַן אַנדערער ענין. דאָ גייט מען שוין אַריין אין געביט פון מענטשלעכן מוח, און מיט דעם וויל איך מיך נישט פאַרנעמען. עס איז נישט מיין געביט.

ב. ווינער

# צי האָט מען אין די געטאָס געוווּסט וועגן אומקום?

די טעמע ווערט דיסקוטירט זייט דעם טאָג פון דער באפרייאונג פון די לאגערן. מענטשן וועלכע האָבן איבערגעלעבט די געטאָס, לאגערן, קאָנצענטראציע־לאגערן און פארניכטונגס־לאגערן — אלע האָבן וואָס צו זאָגן, וואָס צו דערציילן אָדער וואָס צוצוגעבן.

געשיכטע שרייבער הערן זיך צו און שרייבן זייער אַ סך אויף דער טעמע; טייל מאָל זייער גוט, מיט אַן אויער וואָס שאצט אָפּ די ווירקלעכקייט אין די אויבנדערמאָנטע ערטער, אָפט, אפשר צו אָפט הייבן היסטאָריקער אָן אויסצוטייטשן, וואָס עס איז געשען און גייען ווייט, זייער ווייט אוועק פון דעם אמת. נישט קיין ווונדער — אויפקלערונגען, אויסטייטשן זענען דאָ הונדערטער, און אמת (אויב ער איז דאָ!?), איז דאָ נאָר איינער!

ווייל איך צום 40־טן יאָרטאָג נאָך דער באפרייאונג נישט דיסקוטירן, נישט פארטיידיקן אָדער אטאקירן די יידן פון די געטאָס, און ספּעציעל פון לאָדזשער געטאָ, ווו איך בין געווען פון פעברואר 1940 (אָפיציעל געשלאָסן האָט מען די געטאָ דעם 1־טן מאי 1940) ביז דעם 24־טן אויגוסט 1944.

פארן דערציילן און ברענגען אויסצוגן פון מיין טאָג־בוך פון געטאָ, וואָס האָבן נאָר איין אויפגאבע: איבערגעבן וואָס מיר (אָדער איך) האָבן געוווּסט אין געטאָ — ווייל איך דערציילן א געשיכטע וועגן אוישוויץ.

זייענדיק אין בירקענאו (א טייל פון אוישוויץ קאָמפּלעקס), האָב איך געטראָפן מיין גוטן חבר פון געטאָ און פון דער בונדישער באוועגונג פארן יאָר 1939 — שמאַיע זדונסקי.

שמאיע זדונסקי איז פאר דער מלחמה געווען א פירנדער חבר אין דער "צוקונפט" און שפּעטער אין "בונד". צוריקגעקומען פון ביאליסטאָק אין געטאָ כדי צו זיין מיט זיין פאוי אסתר און טעכטערל מינדל. ער — א שיינער הויכער בלאָנדער מאן, מיט בלויע אויגן, מיט א פולן ארישן אויסזען. אסתר — נאָך שענער, בלאָנד און ארישער ווי שמאיע. מינדעלע האָט ארייננגעראָטן אין די עלטערן אין יעדן זין. דערצו איז שמאיע געווען איינער פון די קלוגסטע מענטשן, וועלכע איך האָב געטראָפן אין מיין לעבן.

שפּאצירנדיק אין אוישוויץ/בירקענאו א קילאָמעטער, צוויי פון די גאַז־קאַמערן און שמועסנדיק וועגן גורל פון דעם גרעסטן טייל לאָדזשער, וועלכע זענען געקומען קיין אוישוויץ אין חודש אויגוסט 1944 און געענדיקט זייער לעבן אין די גאז־קאמערן, זאָגט מיר דער קלוגער שמאיע:

"דו זעסט, באָנאָ, די דייטשן האָבן דאָ א לאגער פאר קינדער. איך בין זיכער אז מינדעלע איז דאָרטן דאָ! אַזאַ שיין קינד, די דייטשן האלטן זי דאָרטן זיכער מיט דער מאמע."

אַ מינוט פריער און צוויי מינוט שפּעטער האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, אז מן־הסתם זענען 90 פּראָצענט פון די לאָדזשער יידן פארגאזט און פארברענט געוואָרן, און שמאיע האָט עס גוט געוווּסט. אָבער — אויב עס לעבן קינדער אין לאגער — מוז דאָך זיין טאָכטער דאָרטן זיין!

אזוי איז דער מענטש און דער חכם שמאיע זדונסקי נישט געווען קיין אויסנאַם.

אין זומער 1942 איז ארייננגעקומען א בריוו פון גראבאָווער רב, וועלכער האָט דערציילט וועגן גורל פון די דעפּאָרטירטע יידן פון לאָדזשער געטאָ. די אקטיוון פון די פּארטייען זענען אינפאָרמירט געוואָרן וועגן אינהאלט פון בריוו. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט די אומלעגאַלע פּוילישע ראדיאָ־סטאציע "שוויט" איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון בריוו, וועלכער איז איבערגעשיקט געוואָרן פון לאָדזש קיין וואַרשע דורך צוויי יונגע חלוצות גוטע שאבינסקא און רחל גאָלדמאַן, וועלכע האָבן פארלאָזט דאָס לאָדזשער געטאָ און אריבער אין ווארשעווער געטאָ (געווען אזעלכע צוויי טראנספּאָרטן אין 1942).

פון מאי ביז אויגוסט 1942 זענען ארייננגעקומען אין געטאָ יידישע טראנספּאָרטן מיט די רעשטלעך יידן פון די געטאָס אין ווארטעגאו (דעם טייל פון פּוילן, וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דייטשלאנד), צווישן זיי יידן פון טורעק, דער נאָענטסטער פּונקט פון פארניכטונגס־לאגער כעלמנאָ, ווו אַ צאָל אנטלאָפענע פון כעלמנאָ זענען צוריקגעקומען און דערציילט וועגן דעם אומקום פון די יידן אין זדונסקא־וואָלא, ווו עטלעכע (דוכט זיך, דריי) יידן זענען אָנגעקומען פון כעלמנאָ און אינפאָרמירט ד"ר לעמבערג (פּאָרזיצער פון יידן־ראט, זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש) וועגן גורל פון די יידן. צווישן זיי איז געווען אונדזערס א קרוב יהונתן (זיין פאמיליע נאָמען האָב איך פארגעסן), וועלכער האָט געוווינט עטלעכע טעג ביי אונדז און ער האָט דערציילט די טראגישע געשיכטע פון די ארויסגעשיקטע פון געטאָ און אנדערע שטעטלעך ארום לאָדזש.

אַ טייל פון מיין טאָג־בוך 1940־41 און א טייל פון 1942 האָבן די פּאָלאַקן אויפגעגראָבן און אַוועקגעוואָרפן אויפן מיסט, איך האָב נאָר א טייל פון יולי און אויגוסט 1942. און זאָל מיין טאָג־בוך דערציילן:



פאַקסימילע פון טאָג־בוך

ווען מיר לייענען "נאָכמיטאָג גיט מיר יווינעס איבער דאָס ערשטע קאפּיטל", איז מעגלעך, אז אַן אויפמערקזאמער לייענער וועט פרעגן: נו, וואָס באדייט דאָס? דארפט מען לייענען ווייטער "פּינכעס דערציילט: די באָבע, רעגינע און דאָס קינד זענען אוועק אויף שמעלץ." שמעלץ אין אונדזער יידיש האָט באדייט אָפּפאל, אלט אייזן איז געגאנגען אויף שמעלץ. שמעלץ האָט באדייט א סוף צו א זאך־ שמעלצן האָט באדייט ענדערן די עקזיסטירנדיקע פאָרם און אָננעמען א נייע פאָרם. גיין אויף שמעלץ האָט אויך באדייט שטארבן, אומקום. און ווען איך האָב

ווי איך האָב אָנגערופן אין גדאנק דאָס וואָרט "פיינט־שאפט" — האָט ווי אויפגעבליצט אין מיין באוווסטזיין, מאכנדיק דאָרט אלץ ליכטיק און קלאָר. "יאָ", האָב איך זיך דערפרייט, "דאָס איז עס טאקע — פיינטשאפט — מענטש־לעכע פיינטשאפט און א דראנג נאָך נקמה".

"אָבער פאר וואָס פיינטשאפט? צוליב וואָס? און אין וועמען נקמה?" — האָב איך זיך אליין געוווּנדערט. דאָ איז מיר געקומען צו הילף די אינטואיציע, זי האָט מיר אונטערגעזאָגט: "פיינטשאפט צו זיך אליין".

"פאר וואָס זאָל מען עפּעס זיך אליין פיינט האָבן?" — האָב איך נישט פארשטאנען.

"ביסט שוין א מאן אין די יאָרן, מיט א שפּאָר ביסל לעבנס־דערפארונג", האָט זי מיר געענטפערט, "און פרעגסט אזעלכע קלאָץ־קשיות. לאָמיך דיר דערקלערן: צי האָט דיר קיין מאָל נישט געטראָפן, אז דאָ ביסט באעוולט געוואָרן דורך עמיצן?"

— יאָ, זיכער האָט געטראָפן; דאָס טרעפט זיך דאָך מיט יעדן איינעם.

— און צי האָט נישט געטראָפן, אז יענער איז גראָד געווען שטארקער פון דיר, אין פיזישן כוח, צי אין זיין סטאַטוס אָדער פּאָזיציע?

איך האָב געטראכט א ווייל און ווידער געענטפערט צושטימענדיק. אָבער זי, מיין אינטואיציע האָט, ווייזט אויס, נישט געהערט מיין ענטפער און — ווי עס טרעפט אָפט, ווען איינער וויל שטארק עפּעס זאָגן אומאָפּהענגיק פון דעם צי די צוהערער ווילן דאָס הערן צי נישט — האָט זי פּאָרגעזעצט.

— דערמאן זיך ווען דו ביסט געווען א קליין יינגעלע, צי האָט טייל מאָל דיין מאמע אָדער דיין טאטע נישט געטאָן אָדער געזאָגט צו דיר זאכן, פון וועלכע דו האָסט זיך געפילט שטארק באעוולט?

— יאָ — האָב איך אומוויליק געענטפערט, אָננעמענדיק זיך מיט געדולד אויסצוהערן דאָס, וואָס איך האָב אליין אויסגעצייכנט געוווּסט.

— וואָס האָסטו דאן געטאָן? — האָט זי געפרעגט, שטעלנדיק מיך אין דער ראָל פון אן עדות אין געריכט אונטער קרייץ־פארהער.

איך האָב באשלאָסן מער איר נישט צו ענטפערן. עס איז געווען קלאָר, אז דער נסיון פון מיין אינטואיציע צו פריידיקן פאר מיר איז אזוי גרויס, אז זי וועט נישט האָבן דעם כוח זיך צו באליידיקן. זי האָט געשטעלט פראגן און אליין אויף זיי געענטפערט.

"דו האָסט גאָרנישט געקאָנט טאָן", האָט זי פּאָרגעזעצט. "דיינע עלטערן זענען פאר דיר געווען דער אלמעכטיקער אויטאָריטעט כמעט ווי א גאָט, און דו ביסט געווען קעגן זיי אוממעכטיק. ווען דו ביסט געווען גאָר קליין האָסטו פּראָטעסטירט קעגן דיין אוממעכטיקייט דורך וויינען; ווען דו ביסט געוואָרן א ביסעלע עלטער, האָט דיר שוין מער נישט געפּאסט צו וויינען, אָבער ביסט נאָך אלץ געווען מאכטלאָז קעגן די עלטערן. אפשר האָסטו טייל מאָל אין דמיון גענומען נקמה אין זיי דורך פאנטאזירן, אז דו גייסט שטארבן, אזוי ארום באשטראָפנדיק זיי פאר דיינע עוולות.

"דו האָסט זייער ליב געהאט דיינע עלטערן, אָבער פיינט געהאט דיין געפיל פון אוממעכטיקייט. יעדע געליטענע עוולה האָט צוגעגעבן סם צו דיין רעזערוואר פון פיינטשאפט. די אָנגעקליבענע פיינטשאפט האָט געזוכט אן אויסגאנג; דו האָסט געמוזט געפינען אן אויסגאנג פאר איר. דער אויסגאנג איז געווען נקמה.

"אין דיין קינדהייט האָסטו געפינען פארשידענע אופנים פון נעמען נקמה פאר דיינע עוולות. האָסט, צום ביישפּיל, געכאפּט א פליג און זי געפּייניקט דורך ארייננשטעקן א דין שטרויעלע אין איר הינטן, לאָזנדיק זי שלעפּן דאָס שטרויעלע אזוי ווי א פערד שלעפּט א וואָגן. דערביי האָסו געהאט, זיי מיר מוחל פאר דעם אויסדרוק, א סאדיסטישע הנאה. טייל מאָל האָט אפשר אויך געטראָפן, אז דו האָסט באגעגנט אן אַנדער קינד, א שוואכערס פון זיך און עס צעשלאָגן.

"אָבער ווען דו ביסט ארויס פון 'אונטער דער מאמעס פארטוך' און אריין אין לעבן (צו פרי, צוליב דער מלחמה און צוליב היטלערן), האָסטו אָנגעהויבן צו ליידן עוולות פון מענטשן, מיט וועלכע דו האָסט זיך אָנגעטראָפן. דו אליין האָסט זעלטן באעוולט אנדערע. אָבער דאָס איז נישט געווען צוליב דעם וואָס דו האָסט אזא נאָבעלע נאטור, נאָר דערפאר ווייל דו האָסט געהאט א קאָמפּלעקס, מיינענדיק אז דו ביסט דער שוואכסטער פון אלע מענטשן אויף דער וועלט.

"יעדער מענטש האָט אין זיך שוואכקייט. יעדערער, ווי שטארק ער זאָל נישט זיין, איז שוואכער פון עמיצן, וואָס איז נאָך שטארקער", האָט די אינטואיציע מיך נישט אָפּגעלאָזט "אָבער דער מענטש האָט פיינט זיין אייגענע שוואכקייט און גארט צו קאָמפּענסירן זיך פאר דעם דאָזיקן אומאָנגענעמען געפיל דורך אריבערוואַרפן די זעלבסט־פיינטשאפט אויף עמיצן אנדערש, ווייל ער האָט אין זיך עפּעס פון דעם שוואכן יידן, און ער האָט דאָס פיינט.

"זינט צוואנציק יאָרהונדערטער זענען יידן די שוואכסטע צווישן די פעלקער און זיי זענען דאָס באקוועמע ציל־ברעט פאר מענטשלעכער שנאה. דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך פּרעזענטירט אין פארשידענע פאָרמען. ווען די קריסטלעכע קירכע איז אנטשטאנען, האָט זי נאָך אלץ מורא געהאט פאר די יידן, וועמענס רעליגיע איז געווען דער שורש פון וועלכן זי האָט זיך אָפּגעריסן. זי האָט געפּרעדיקט שנאה צו יידן, און דאָס האָט אפּעלירט צו די נידעריקע מענטשלעכע אינסטינקטן.

"שפּעטער האָט אנטיסעמיטיזם זיך געביטן. פון דער ערשטמאָליקער רעליגיעזער פאָרם האָט ער דורך די לעצטע פופצן הונדערט יאָר זיך אנטפּלעקט אין עקאָנאָמישע, געזעלשאפטלעכע, פּאָליטישע פאָרמען. אָבער אזוי ווי א שלאנג בלייבט א שלאנג, וויפיל הויטן זי זאָל נישט בייטן, אזוי איז אויך די שנאה שטענדיק געווען דער הויפּט־עלעמענט אין אנטיסעמיטיזם.

"ווי דו זעסט", האָט מיין אינטואיציע סומירט, פארענדיקנדיק איר לאנגן מאָנאָלאָג, "איז דער עצם פון אנטיסעמיטיזם — **פיינטשאפט**". נאָך דער באַלערנדיקער לעקציע, וואָס די אינטואיציע האָט מיר געגעבן, האָב איך אויסגעלאָשן די טעלעוויזיע און געגאנגען שלאָפן. אפשר א ביסעלע קליגער.

עלטערן הער. ווען מען וואָלט געקאָנט דאָס טאָן אומבאַשטראָפטערהייט, וואָלט ער צעקוועטשט דעם אנדערנס אויטאָ, אזוי ווי מען צעקוועטשט א קאָמאַר.

נאָך דעם ווען דאָס געיעג האָט זיך דערווייטערט און איך בין געווען אויסער געפאר, בין איך רואיק געפאָרן ווייטער אויפן וועג אהיים, אָבער אלץ טראכטנדיק וועגן דעם וואָס איך האָב נאָר־וואָס בייגעוווינט. ״אַן אוממענטש, אַן אכזר, א סאדיסט״, האָב איך אין געדאנק פאראורטיילט דעם יונגן בחור. לאנג האָבן מיר די דאָזיקע געדאנקען נישט באַאומרואיקט.

★

א געוויסן נאָכמיטאָג בין איך זיך געלאסן געפאָרן וווּהין כ׳האָב געדארפט, צוהערנדיק זיך בשעת־מעשה צום ראַדיאָ. אויף אַן עק גאס, ווו איך האָב באדארפט פארדרייען אויף לינקס איז פּלוצלונג פון הינטן אָנגעקומען א צווייטער אויטאָ, מיך אויסגעמיטן און פארפאָרן מיר דעם וועג. דער אויטאָ האָט אריינגעדרייט פאר מיר אויף לינקס אין דער זעלבער גאס וווּהין איך האָב טאקע געדארפט פארדרייען. אזוי ארום האָב איך זיך איצט געפונען פאָרנדיק הינטער אים. עס איז מיר געווען זייער פארדרוסלעך: וואָס פאר אַ רעכט האָט זי — דעם אויטאָ האָט געפירט א מיידל — געהאט מיר צו פארפאָרן דעם וועג?!

״אויב אפילו״, האָב איך געטראכט, ״זי איז נישט געווען אויסן מיר שלעכטס צו טאָן און זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אז זי ברעכט די וועג־פאָרשריפטן, קומט איר סיי־ווי א שטראָף״. אין דעם מאָמענט בין איך געווען געשטימט ווייט פון טאָלעראנץ. מיין אמביציע און עגאָ נעמענדיק די אויבערהאנט.

עס האָט מיך אזוי פארדראָסן וואָס זי האָט מיך אריבער־געיאָגט, אז אפילו דער אָנבליק פון איר מלאכש פּנימל האָט נישט געקענט איינשטילן מיין צאָרן. (די פיגור האָב איך נישט געקאָנט זען דורכן אויטאָ־פענצטערל, אָבער עס איז געווען לייכט זיך משער צו זיין, אז צו אזא פּנימל, בלאָנדע האָר און פארחלומטע בלויע אויגן, דארפן קומען א פּאָר שלאנקע פיס, א שמאָלינקע טאליע, מיט איין האנט ארומצונעמען...)

אפשר ווען זי וואָלט געפאָרן אין אַן אנדער ריכטונג, וואָלט איך זי צורו געלאָזט און פאַרגעסן מיין עוולה. אָבער צופעליק איז זי געפאָרן גראדע דעם זעלבן וועג וואָס איך און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, האָב איך זי געמוזט נאָכפאָלגן.

איך מוז זיך מודע זיין, אז דאָס איז נישט געווען אין גאנצן אומווילנדיק. איך בין איר נאָכגעפאָרן מיט א שפּאָר ביסל רוגזה. פריער, בשעת דאָס מיידל האָט געהאלטן אין איבעריאָגן מיך, האָבן זיך אונדזערע אויטאָס אויף א מאָמענט געפונען פּאראלעל; איך האָב געוואָרפן א דורכדרינגלעכן בליק אין איר זייט ווענדיק באגעגענען אירע אויגן, כדי ארויסצווייזן איר מיין טיפע פאראכטונג. אָבער זי האָט אויסגעמיטן מיין בליק ווויסנדיק, מסתמא, אז זי איז שולדיק. איך האָב פארשטאנען, אז זי האָט מורא פאר מיר.

״גוט,״ האָב איך זיך געטראכט, ״זאָל זי טאקע מורא האָבן, איך וועל זי באלד נאָך מער אָנשרעקן״. און איך האָב אָנגעהויבן נאָכצופאָרן איר אזוי נאָענט, אז עס זאָל אויסזען אז אָט־אָט וועל איך זיך צוזאמענשטויסן מיט איר אויטאָ. פון איר אופן פון פירן דעם אויטאָ האָב איך דערקענט, אז זי האָט א סך ווייניקער דערפארונג פון מיר און איך האָב פארשטאנען, אז זי מוז ציטערן פאר שרעק.

אין דער ריכטונג וווּהין איך בין געפאָרן, האָט געפירט א זייער קאָמפּליצירטער וועג; דורך גאסן און געסלעך, און מען האָט געדארפט כסדר זיך דרייען: דאָ רעכטס, דאָ לינקס. דאָס מיידל אין דעם אויטאָ פאר מיר האָט אויך פּונקט פארדרייט אין די זעלבע גאסן און געסלעך, ווו איך האָב באדארפט. איך האָב פארשטאנען, אז דאָס מוז זיין א ריינער צופאל, נישט גלויבנדיק אין היפּנאָטיזם.

״קאָן זיין״, האָב איך געטענהט מיט זיך אליין, ״אז זי וויל אזוי ארום אנטלויפן פון מיר, מיינענדיק, אז איך פאָלג זי נאך״. פון דעם לעצטן געדאנק האָב איך שטארק הנאה געהאט. ״זאָל זי טאקע אזוי מיינען״, האָב איך זיך געטראכט, קוים איינהאלטנדיק זיך פון ארויסלאכן אויפן קול מיט א צופרידן, אויב נישט א ביסל סאדיסטישן געלעכטער. פון מיין שטאנדפּונקט האָט די סיטואציע אויסגעזען זייער קאָמיש.

אזוי ווי איך בין אָבער א מענטש מיט מאָראל, האָב איך געטראכט, אז דאָס איז א גוטע שטראָף פאר איר, כדי זי זאָל וויסן אויף להבא צו האלטן זיך ביי די געזעצן פון אויטאָ־פארקער.

★

דאָס זענען די צוויי פּאסירונגען. און איצט, זיצנדיק אין מיין באקוועמען פאָטעל ביי דער טעלעוויזיע, האָב איך געטראכט ״פארוואָס, דווקא איצט, ווען איך קלער וועגן אנטיסעמיטיזם — קומען מיר אויפן זכרון די דאָזיקע צוויי פּאסירונגען? צי איז דאָ פאראן עפּעס א שייכות?״

אן אינערלעכע איבערצייגונג, אין פלוג אן אומלאָגישע, האָט מיר אונטערגעזאָגט א עס איז פאראן; און נישט נאָר א שייכות צווישן די דאָזיקע צוויי פּאסירונגען און אנטיסעמיטיזם — נאָר אפילו אן ענלעכקייט צווישן דער אויפפירונג פון דעם יונגן בחור און מיין אייגענער אויפפירונג לגבי דער מיידל.

דער סאמע לעצטער געדאנק האָט מיך אויפגעבראכט. ״ניין, עס קען נישט זיין״, האָב איך געטראכט; ״יענער, דער בחור איז באשיינפערלעך געווען אַן אויסוווּרף, אפשר גאָר א ׳היפּי׳ אָדער עפּעס אן אנדער מין כוליגאן און איך בין דאָך א פיינער, געלאסענער, מיטליאָריקער, העכסט־אָנשטענדיקער מאן, וועלכן אלע שעצן און רעספּעקטירן״. דיסקוטירנדיק אזוי מיט זיך אליין, האָב איך זיך פּלוצים געכאפּט, אז איך האָב זיך אוועקגעלאָזט אויף א זייטיקן וועג, וואָס פירט אראָפּ פון דעם הויפּט־ענין — אנטיסעמיטיזם.

ערשטנס, האָב איך באשלאָסן, איז דאָס וואָרט ״אנטי־סעמיטיזם״ אומפּינקטלעך, כמעט פארפירעריש, ווייל עס באצייכנט נישט ריכטיק דעם באגריף. ״אנטיסעמיטיזם״ איז אין דער אמתן נישט קעגנערשאפט צו גלאט סעמיטן, נאָר צו סעמיטן וועלכע זענען גלייכצייטיק יידן. ריכטיק דארף עס הייסן: ״יידן־פיינטשאפט״. און דאָ פּלוצלונג אזוי נאָר

זינלאָזע לײַדיקייט. און דאַן וועט ער, לאַקי, מיט דער הילף פון זײַנע עקלדיקע מאָנסטערס, אײַנשטעלן פון ס׳נײַ זײַן אויסגעטרוימטן סיסטעם פון אַן אייביקן פאַרברעכן. (היטלערס חלום.).

אָבער נישט שטענדיק איז לאַקין געגאַנגען אַזוי ווי ער האָט זיך געוווּנטשן. זײַנע געוואַגטע אינטריגעס האָבן אים אַ סך מאָל שיער נישט דערפירט צו אייגענער פאַרניכטונג. צו הילף איז אים דאָ ווידער געקומען זײַן געטלעכע אייגנשאַפט פון זעלבסט־מעטאַמאָרפאָזע, וואָס האָט אים שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ פליג, שפּין אָדער שלאַנג, און אַזוי האָט ער זיך געפלעגט אויסדרייען פון אַ זיכערן טויט. נאָר ווי עס דערציילט ווײַטער די גערמאַנישע לעגענדע, איז דאָך לאַקיס סוף געקומען. ער איז געפאַלן טויט פון אַ מעכטיקן שטויס, וואָס ער האָט באַקומען פון זײַן אייביקן שונא, פון גאָט העימדאַל.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס לעבן פון איינעם פון די מערקווירדיקסטע געשטאַלטן אין דער גערמאַנישער מיטאָלאָגיע. אַזוי, זעט אויס, האָבן געטראַכט די גערמאַנישע געטער; אָבער ווי אונדז איז באַקאַנט האָבן זיי נישט דערלעבט דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ווייסן גאָרנישט, אַז לאַקי האָט זיי אַלעמען אָנגעפּיפּן און זיך גוט אויסגעלאַכט פון זיי.

קוים מיט אַ פערציק יאָר צוריק האָט זיך לאַקי ווידער געפונען אין קלעם, און ס׳האָט טאַקע געהאַלטן מיט אים זייער שמאָל, אָבער ווי שטענדיק האָט לאַקי מיט גנבישער שנעלקייט באַגאָסן זײַן קערפּער מיט נאַפט און דורך זײַן באַליבטן פײַער זיך פאַרוואַנדלט אין אַש.

טראָץ דעם וואָס לאַקיס קונצשטיק איז נאָך אַלץ אײַנגעהילט אין אַ מיטאָלאָגישער רעטעניש, דאָך ווייסט די גאַנצע וועלט הײַנט, אַז לאַקי האָט זיך פון דער לעצטער פאַרניכטונג ווידער אַרויסגעדרייט און וועבט שוין פון ס׳נײַ זײַן גוט־באַקאַנטע נעץ פון ליגנט און אינטריגע.

דערווײַל איז נאָך פאַר אונדז אַלץ אַ סוד וויפל מעטאַמאָרפאָזעס לאַקי איז אַדורך ביז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער געשטאַלט פון אַדאָלף היטלער. מיט זיכערקייט קען מען שוין יאָ פעסטשטעלן, אַז אין אַלע זײַנע דורות לאַנגע וואַנדערונגען און אין אַלע זײַנע פאָרמען, וואָס ער זאָל נישט האָבן אָנגענומען: פליגן, שפּין, היענע, אָדער משוגענער הונט, האָט ער שטענדיק פונדאַמענטאַל פאַרקערפּערט אין זיך לאַקיס דרײַ אָריגינעלע פּרינציפּן (ליגנט, אינטריגע, מאָרד), וואָס האָבן אים געפורעמט אין אַ ״קלאַסישע פולקאָמע גאַנצקייט״...

איז טאַקע גאָר נישט קיין וווּנדער, וואָס הײַנט, אין ליכט פון אָט די גערמאַנישע לעגענדעס, זעען מיר היטלערס גאַז־קאַמערן, זײַנע אַלע מאָרד־פאַבריקן, נישט ווי עפּעס אַ פאַרבאָרגענע רעטעניש, נישט ווי עפּעס אַ היסטאָרישע צופעליקייט — נאָר דווקא ווי אַ דירעקטן אַקט פון דורות־לאַנגע אַספּיראַציעס און אַקטיוון שטרעבן. אין זייער ליכט איז אַדאָלף לאַקי היטלער, דער מיטאָלאָגי־שער מעפיסטאָ, דער היסטאָרישער אויסדרוק פון אַן אייביקן גערמאַנישן ווילן, אַן אייביק גערמאַנישע באַגער...

לאַקין אומברענגען איז אוממעגלעך. קאָנטראָלירן קאָן מען אים אָבער יאָ. מיר ווייסן שוין הײַנט, אַז ער באַווײַזט

י. קאַפּע

# מײַן אינטואיציע רעדט צו מיר...

דער קורצער ווינטער טאָג איז פאַרגאַנגען און דער לאַנגער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן. איך בין געזעסן אין פּלושענעם פאָטעל און נאָכגעפאָלגט די טעלעוויזיע־פּראָגראַם.

פאַרשידענע רעיונות האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ, ביז איין געדאַנק האָט מיך גענומען פאַרפאָלגן: אַנטיסעמיטיזם.

— וואָס איז אייגנטלעך אַנטיסעמיטיזם? — האָב איך זיך געפרעגט. — צי איז עס אַ קרענק? און אויב אַ קרענק — איז זי אַן אָנשטעקנדיקע, וואָס קאָן פון צײַט צו צײַט אָננעמען מגפה־פּראָפּאָרצן?

אפשר איז עס גלאַט אַזוי מענטשלעכע שלעכטקייט. איך האָב געוואָלט אויסגעפינען אַן ענטפער, וואָס זאָל זײַן אין גאַנצן אָביעקטיוו.

— לאָמיר אָננעמען — האָב איך זיך געטראַכט — אַז איך בין געבוירן געוואָרן נישט קיין ייד. צי וואָלט מעגלעך געווען איך זאָל אויך זײַן אַן אַנטיסעמיט ווי אַנדערע גויים?

נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, זענען מיר געקומען אויפן זכרון צוויי פּאַסירונגען, וואָס זענען נישט לאַנג צוריק פּאָרגעקומען. אין איינער בין איך געווען אַ פּאַסיווער און אַ ביסל דערשראָקענער עדות, און אין דער צווייטער — אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער.

★

מיט אַן ערך דרײַ חדשים צוריק האָב איך, פאָרנדיק פון ערגעץ אַהיים, דערהערט אַ דורכדרינגענדיקן אויטאָ־פּײַפן. דאָס פּײַפן איז אָנגעגאַנגען אָן איבעררייס. עס האָב ממש געשניטן די אויערן, אָנוואַרפנדיק אַ פּחד ווי עס וואַרפט אָן אַ סירענע פון אַן אַמבולאַנס, אָדער פײַער־לעשער אויטאָ.

איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן זײַטיקן פענצטער, כדי אויסצוגעפינען פון וואַנען דאָס פּײַפן קומט. אָבער, אײדער וואָס־ווען, איז נעבן מיר דורכגעלאָפן אַן אויטאָ מיט אַ דערשראָקענעם מיטל־יאָריקן מענטש בײַם רעדל. האַרט נאָך אים כמעט, ווי מען זאָגט עס, טרעטנדיק אויף זײַנע פּיאַטעס, איז אין אַ צווייטן אויטאָ ווילד נאָכגעפאָרן אַ יונגער בחור פּײַפנדיק אָן אויפהער. זײַן פּנים איז געווען פאַרביסן, די אויגן פול מיט מערדערישער שנאה אויסדריקנדיק אַ פּראַלאַנג צו זיגן, צו פאַרטיליקן. עס איז געווען באַשײַנפּערלעך, אַז דער יונגער בחור יאָגט דעם

זיך שטענדיק אין דער פאָרם פון אַ באַשעפעניש, וואָס נאַרט אָפּ מיט זײַן אויסזען. נאָר דורך דערקענען אים ריכטיק און צו דער צײַט, קען מען אים האַלטן אין אייביקן שאַך און אַזוי אַרום פּאַראַליזירן זײַנע מערדערישע אינטענצן: די טאָטאַלע וועלט־פאַרניכטונג און דאָס צוריק אײַנשטעלן לאַקיס מיטאָלאָגישן טרוים; דעם סיסטעם פון אַ זינלאָזן פאַרברעכן.

יעקב ראָזענבערג

# אין ליכט פֿון גערמאַנישער מיטאָלאָגיע

עס איז דאָ אַ וויסנשאַפֿטלעכע היפּאָטעזע, וועלכע זאָגט אַז דער כאַראַקטער פֿון א מענטש פֿורעמט זיך אויס אין ערשטן יאָרצענדליק פֿון זיין לעבן. לויט דער פֿרוידיאַנישער טעאָריע שפּילן די קינדער־יאָרן די וויכטיקסטע ראָל. דעמאָלט ווען א קינד הויבט אָן טרוימען, דעמאָלט ווען דעם קינדס פֿאַרלאַנגען זענען אוממיטלבאַר, דאַן ווען ער דערציילט אויף א נאַטירלעכן אופֿן, אָן שום רעזערוואַציעס זיינע פֿאַנטאַסטישע חלומות, שוין דעמאָלט הויבט זיך אָן פֿאָרמירן דער כאַראַקטער פֿון מענטש.

כדי צו דערגיין, אַנאַליזירן דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פֿון א דערוואַקסענעם מוז מען זיך אומבאַדינגט צוריקקערן צו זיין קינדהייט. דאָרט ווו עס ליגן באַהאַלטן זיינע נאַיווע קינדער־טרוימען, געפֿינט זיך דער שליסל צו זיינע אויפֿפּאַסונגען און האַנדלונגען אין זיין דערוואַקסענעם לעבן. דער זעלבער פֿאָרשונגס־געזעץ איז אויך חל ביים אַנאַליזירן פֿעלקער און גאַנצע ראַסן. עס איז אויך דער וויסנשאַפֿטלעכער מעטאָד, וואָס העלפֿט פֿאַרשטיין דעם געגעבענעם כאַראַקטער פֿון א פֿאָלק, און זיין אופֿן פֿון טראַכטן און האַנדלען...

מיט דער הילף פֿון דעם דאָזיקן געזעץ קען מען זיך אויך קלאָר מאַכן די פֿאַרבאָרגנסטע סודות פֿון א פֿאָלקס־באַגינען, ווי אויך זיינע ערשטע טרוימען, וועלכע זענען פֿונדאַמענטאַל אין זיין אַנטשטייאונגס־פּראָצעס, אַ פּראָצעס וואָס ווערט מיט דער צייט דער וויכטיקסטער קאָמפּאָנענט פֿון דער אַזוי־גערופֿענער פֿאָלקס־פּסיכאָלאָגיע. און טאַקע פּונקט ווי ביי מענטשן, אַזוי אויך ביי פֿעלקער, ליגן אין די אור־טרוימען דער סוד נישט נאָר פֿון א היסטאָרישן אָנהויב, נאָר א בולטער אָנדייט פֿאַר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, ווי אויך אָן אָנווייזונג וואָס מען קען נאָך פֿון אַזאַ פֿאָלק דערוואַרטן אין דער צוקונפֿט.

אין דעם גייסט, וויל איך נאָר א בלעטער טאָן די גערמאַנישע מיטאָלאָגיע און זאָלן טאַקע זייערע אייגענע לעגענדעס און חלומות וואַרפֿן א ליכט, וואָס זאָל באַלויכטן זייער פֿינצטערן אור־נעבכטן, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַווירקט דער וועלטס נאָענטע פֿאַרגאַנגענהייט.

אין אָנהויב איז געווען בלויז נאַכט און פֿראָסט. האָט נאַכט אויסגעשטרעקט אירע שוואַרצע הענט, אַרומגענו־מען מיט חושך דעם פֿראָסט, צוגעטוליעט אים צו איר פֿינצטערן בוזעם, און אָט פֿון דער אומהיימלעכער ליבע איז אַרויס דער מטראַדיקער גיגאַנט יאַמיר. האָט טאַקע יאַמיר א טונקעלן יחוס, אָבער דאָך זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון אים. פֿון יאַמיר איז אַרויס בורי, און בורי האָט באַלעבט באַר. באַרס קינדער האָבן זיך זייער פֿיין אַריינגעפּאַסט אין פֿינצטערן וועלטל פֿון זייער עלטער־זיידע יאַמיר. א פֿאַקט איז, אַז אַן א פֿאַרוואָס האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו זייער באַשעפֿער און אים גאַנץ פּשוט קאַלט געמאַכט. און ווי די געשיכטע דערציילט, האָבן ווייזט אויס, שוין דעמאָלט די אור־גערמאַנער געהאַט א חוש פֿאַר ווירטשאַפֿט און טאַקע אויף זייער אַן עקאָנאָמישן אופֿן אויסגענוצט יאַמירס טויטן קערפּער. פֿון זיין פֿלייש האָבן זיי פֿאָרמירט די ערד, פֿון בלוט די טייכן, די ביינער — די בערג, און די ציין — דאָס שטויב. פֿון בערשטן ווייזט אויס האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַזוי אַז יאַמירס האָר זענען נעבעך אַוועק מיטן ווינט.

דערפֿאַר האָבן זיי שוין אויסגענוצט זיינע מעכטיקע ברעמען פֿון וועלכע זיי האָבן אויפֿגעשטעלט א גראַנדיעזן פּאַלאַץ, ווו עס האָבן געלעבט און געהוליעט די גערמאַנישע געטער. פֿאַר איינער פֿון די הייליקסטע געטלעכע פֿליכטן איז באַטראַכט געוואָרן דאָס קאָלעק־טיווע שיכורן. איגנאָרירן אַזאַ געלעגנהייט איז באַטראַכט געוואָרן פֿאַר א לעסטערונג און ס׳האָט געדראָט מיט טויט. דער אָנגעזעענסטער צווישן אַלע געטער איז געווען דער גאָט אָדין, גאָט פֿון מלחמה. אָדינס קריגער זענען באַרימט געוואָרן צוליב זייער אויסערגעוויינלעכער ברוטאַלקייט און ליבע צו מאָרד. זיי האָבן א לעבן־לאַנג נאָר געטרוימט און געגרייט זיך צו מלחמה. זייער גאַנצע פּסיכיק איז אויסגעפֿילט געווען מיט פֿאַנטאַזיעס וועגן א צייט, ווען זיי וועלן קענען פֿריי לאָזן זייער משוגענע סטיכיע אין אַן אומגעשטערטער שחיטה.

אָדין האָט רעקרוטירט זיינע קריגער נאָר פֿון יונגע גיגאַנטן, וועלכע מ׳האָט גערופֿן בערסאַרקס. סאַרקס איז דער נאָרדישער נאָמען: העמד. אויף פּשוטן מאַמע־לשון מיינט עס: די טרעגער פֿון חיהשע אָדער ברוינע העמדער (נישט קיין שלעכטער אָנהויב פֿאַר אַ היטלער־יוגנט!)...

דער כאַראַקטעריסטישער אָבער פֿון אַלע געטער אין דער גערמאַנישער מיטאָלאָגיע איז געווען דער גאָט לאָקי, און דאָס נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט אין זיך פֿאַרקערפּערט זייער אָריגינעלע אייגנשאַפֿטן. לאָקי איז געבוירן געוואָרן מיט א נאַטירלעכער ליבע צו ליגנט, אינטריגע און מאָרד. כדי צו דערגרייכן זיינע קרימינעלע צילן, האָט זיך לאָקי נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין שום שוועריקייטן. ווען נויטיק, פֿלעגט ער זיך אַפֿילו איבערשלאָפֿן מיט דעם מיטאָלאָגישן ווילדן וואָלף פֿענריר, און אַנדערע עקלדיקע מאָנסטערס, וואָס האָבן פֿאַר זיין ליבע צוריקגעצאָלט מיט אַרויסהעלפֿן אַדורכפֿירן זיינע אַוואַנטוריסטישע אינטריגעס.

איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס אַזאַ קאָלירפֿולע „געטלעכע" פּערזענלעכקייט מיט אַזעלכע „וווּנדערבאַרע קוואַליטעטן" האָט אַזוי שטאַרק באַאיינפֿלוסט דעם גערמאַנישן אופֿן פֿון טראַכטן... לאָקיס גאַנצער וועזן איז געווען אויסגעפֿילט מיט א וויזיע פֿון א טאָטאַלער פֿאַרניכטונג. ער האָט געטרוימט וועגן אַ פֿייער, וואָס וועט אַלץ פֿאַרברענען און פֿאַרצערן, אַלץ אַרום וועט נישט ווערן. אַפֿילו די נאַכט און דער פֿראָסט; בלייבן וועט נאָר א

---

צוויי שטעט ווייט איינע פֿון דער אַנדערער, נאָר נאָענט אין זייער גייסטיקן יידישן מהות.

מיר ווינטשן אַדעלאַ שאָו נאָך אַ סך שעפֿערישע יאָרן, כדי זי זאָל באַרייכערן קינסטלעריש זיך און דעם יידישן כלל.

י. מ. לעווין

# אַדעלאַ שאַו —

## פּראָפיל פון אַ יידישער קינסטלערין

דער וועג פון אַ קינסטלער איז נישט אויסגעבעט מיט רויזן. אפילו די וועלכע זענען דערגאנגען צום שפּיץ פון דערפאָלג נאָך ביים לעבן, האָבן אָנגעטראָפן אויף דערנער און שטיינער אין זייער גאנג. נאָר קונסט, טראָץ איר עניגמאטיק, איז א כוח וואָס קען איבערוועגן אלע שטערונגען.

וואָס איז קונסט? דער ענטפער איז קלאָר. אויב דער קינסטלער איז מסוגל צו פארבינדן זיינע עקספּרעסיווע פעאיקייטן מיט דער פולקייט פון זיינע עמאָציעס, דערנאָך ארויסרופן ענלעכע עמאָציעס ביי די צוהערער פון דיכטונג, מוזיק, אָדער ביים וויזועלן איינזאפּן די ליניעס און פארב פון א געמעל — אַזאַ קינסטלער דערגרייכט צו שלימות.

קונסט איז אויך די טרעגערין און די טרייבקראפט פון אידייען. די פּרע־רענעסאנס קונסט האָב פּראָפּאגירט רעליגיעזן מיטאָס. מאָלערייען אין קירכעס און שולן. שפּעטער איז געקומען דער רענעסאַנס מיט דער לעבנס־לוסט פון יחיד און כלל. נאָך שפּעטער איז דערשינען די מאָדערנע קונסט, די זוכערין פון א נייעם תוך, וואָס איז אין תוך גאָרנישט ניי. ״ניי״ איז דער סאָוויעטישער סאָצרעאַ־ליזם, אין תוך ענלעך צו דער קונסט פון רעליגיעזן מיטאָס, נאָר מיט א שמעלערער פּערספּעקטיוו, מיט אויגן פארשטעלטע, ווי ביי פערד, כדי זיי זאָלן נישט כאפּן אַ זייטן־בליק — און אראָפּ פון אויפגעצווונגענעם שליאך...

אמתע קינסטלער זענען קינסטלער פון אמת. זיי בלייבן געטריי זיך, גייען זייער אייגענעם וועג. זיי זענען די אייביקע זוכערס.

אין ליכט פון געזאָגטן, ווי זעט אויס אַדעלאַ שאוס קינסטלערישער פּראָפיל? היות א קינסטלערס שעפערישער דרך גייט געפּאָרט, אָדער דארף זיין געפּאָרט מיט זיין גאנג אין לעבן אין אַ פולקאָמער האַרמאָניע, דארפן אָנגעמערקט ווערן עטלעכע שטריכן פון דער קינסטלערינס לעבן.

פון איר פריעסטער יוגנט האָט אדעלא שאו ארויסגעוויזן פעאיקייטן צו צייכענען און אירע ארבעטן האָבן באפּוצט די ווענט פון איר קלאס. איר ערשטער קונסט־לערער האָט איר א מאָל געגעבן אַ שווערע אויפ־גאבע — פון צוויי איינצלנע בלימעלעך צו שאפן א געמעל פון א גרויסן בוקעט. די דאָזיקע טעכניק איז ביי איר פארבליבן ביזן היינטיקן טאָג. פון א סימבאָלישער ליניע, פון אַ וואָרט אָדער אַ ביבלישן פּסוק, איז זי מסוגל צו שאַפן א קאָלירפול געמעל — אויף לייוונט — און ווי ס׳איז שוין ברייט באקאנט — אויף גלאָז. אדעלא שאוס וויטראזשן זענען חשובע תושבים אין דער ״מאָנטעפיאָרע״ היים, אין דער עלוווד־שול, אין סטראטפעלדס סינאגאָגע אין סידנעי און אחרון אחרון חביב אין חורבן־צענטער, עלסטערנוויק אין מעלבורן.

דער וועג פון די ערשטע אויסשטעלונגען אין שול, אין איר געבוירן־שטאָט טשענסטאָכאָוו ביז 42 וויטראזשן אין די אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס, איז נישט געווען קיין



קפיצת הדרך גאָרע דערפאָלגן. די קינסטלערין פון יידישער טעמאטיק האָט געמוזט שפּרייזן איבער דערנער און שטיינער אין טשענסטאָכאָווער געטאָ און אין אוישוויץ. נאָר אומעטום איז איר בייגעשטאנען דער זכות פון איר קונסט. אין טשענסטאָכאָווער געטאָ איז זי געוואָרן צוגעטיילט צו ארבעטן פאר א דייטשן ארכיטעקט, וואָס האָט זי באשיצט פון דעפּאָרטאציע מיטן קלאסישן: ״זי ארבעט ביי מיר. איך ברויך זי...״

מער ווי דער זכות פון איר קונסט איז איר בייגעשטאנען איר דערציאונג. די אטמאָספער פון יידישער טראדיציע אין דער היים פון אירע עלטערן האָט איר פארפּאנצערט פאר איינער פון די גרעסטע געפארן — פון אנטלויפן פון אייגענעם איך. אין אירע רייפע יאָרן לייזט זיך אויף די האַרטקייט פון דער פאַרפּאַנצערטקייט מיט ווייכע ניואַנסן פון מוטערלעכער צארטקייט, פון מאמע ווייטיק איבערן גורל פון קינד — אין וויטראזש: ״רחל בוכיה על בנוה״.

אדעלא שאו האָט א סך געררייזט און א סך געלערנט פון באזוכן די גאלעריעס אין רוים, פלאָרענץ און אנדערע פּלעצער. אין מעלבורן, ווו זי לעבט זינט 1947, האָט זי געלערנט פיר יאָר אין קאָולפילד טעכנישן אינסטיטוט, און פיר און א האלבן יאָר ביים בארימטן מאָלער דזשאָרדזש בעל. לויט בעל קען מען אדעלא שאו פארגלייכן מיטן בארימטן סעזאַן.

די קינסטלערין איז פילזייטיק אין זין פון טעמאַטיק, מער אין ענין פון מעדיום. זי מאָלט גערן מיט אויל, ווייל ״אויל איז ווידערשטאנדפעאיק קעגן דעסטרוקטיוון כוח. פון צייט״. איר בליק אויף דויערהאפטיקייט פאלט זיך צונויף מיט איר איינשטעלונג וועגן ירושה, די יידישע ירושה וואָס זי פילט אזוי טייער. זי טיילט זיך גערן מיט איר ירושה מיטן כלל, א סימן די 42 וויטראזשן שוין אויסגעפּארטיקט; נאָך אכט דארפן קומען.

וואָס איז איר אייגנארטיקייט? זי איז זוכעריש. זי פּרוווט אירע כוחות אויך אין האנט־שניצעריי און אין ליים סקולפּטור. אויף דער פראגע, וועלכער קינסטלער איז איר נענטער ווי אנדערע, ענטפערט זי בתמימות — ״איך ווייס נישט״... דער זייטיקער צושויער זעט אָבער, אז זי איז פארבונדן, באוווסטזיניק צי נישט — מיטן גרויסן שאגאל. אירע וויטראזשן זענען נישט פּלאגיאטיק פון שאגאלס פענצטער, נייערט ביידע קינסטלער האָבן געטראָגן אין זיך די ווארעמקייט און תוכיקייט פון היימישער אטמאָספער — איינער פון וויטעבסק, די אנדערע פון טשענסטאָכאָוו.

מלחמה אויף דער אַרישער זייט, טייל באַהאַלטענע אין קאַטוילישע קלויסטערס, בעת זייערע עלטערן זענען אומגעקומען דורך די היטלער־באַנדיטן.

יאָסעף באַנאַס באַהאַנדלט דעם גאָמולקאַ־אַנטיסעמיטיזם אויף אַ גאַנץ ברייטן אופן. ער ציטירט, למשל, דעם יולי־מאַניפעסט פון 1944, ווען דער אימפּאָרטירטער פון מאָסקווע „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" האָט אין דעם באַפרייטן כעלם, דעם 22־טן יולי 1944, פּראָקלאַמירט די פּרינציפּן, אויף וועלכע דאָס צוקונפטיקע דעמאָקראַטישע פּוילן וועט זיין באַזירט:

„...עס ווערט הייליק פּראָקלאַמירט די צוריק־אויפשטעלונג פון דעמאָקראַטישע פרייהייטן; גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער, אומאָפּהענגיק פון ראַסן־אָפּשטאַמונג, רעליגיעזן גלויבן אָדער נאַציאָנאַליטעט; פרייהייט פאַר פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס; פרייהייט פון דער פּרעסע... די ייִדן, וועלכע זענען געווען ברוטאַל אונטערגעדריקט דורך די נאַציאָקופּאַנטן, וועט ווערן פאַרזיכערט די יורידישע גלייכקייט און עס וועט זיי געגעבן ווערן די מעגלעכקייט פון אַ פרייער עקזיסטענץ..."

וואָס דאַרף מען נאָך בעסער? אָט דעם שיינעם מאַניפעסט קענט איר היינט אין פּוילן נישט קריגן, ער איז פאַרשווּנדן פון דער עפנטלעכקייט. וואָס עס איז געשען נאָך דעם מאַניפעסט געדענקען מיר זייער גוט; די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען אונטערדריקט געוואָרן, קיין פרייהייט פון פּרעסע און פאַרזאַמלונגען איז נישט פאַראַן, די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן (נישט נאָר די ייִדן) זענען אונטערדריקט און פאַרטריבן געוואָרן פון דער פּוילישער ערד.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטי־ייִדישע העצע, האָבן נאָך טיילן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט געהאַט דעם מוט אויסצודריקן זייער פרייד און דערמוטיקונג דער ייִדישער מדינה, ווי די ייִדן בכלל. קאַרדינאַל ווישינסקי האָט געהאַלטן אַ פייערלעכע רעדע דעם 6־טן יוני, שוין ביים אָנהויב פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אין דעם קלויסטער „שוו. אַננאַ" אין וואַרשע, ווּ ער האָט „אויסגעדריקט סימפּאַטיע דעם קליינעם לאַנד און די רעכט פון דעם פּאָלק וועלכער איז שוין אַזוי פיל מאָל פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, צו אומאָפּהענגיקייט"...

די דאָזיקע רעדע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער וואַרשע און פאַרשטאַרקט די אַזוי אויך אַלגעמיינע פרייד צוליב דער מפּלה פון רוסישן געווער.

באַנאַס ציטירט כוליגאַנישע אַרטיקלען פון קאַזשימיעזש קאָנקאָל, וועלכער האָט אין זיין זשורנאַל „רעכט און לעבן" פאַרפירט אַזאַ אַנטיסעמיטישע העצע, אַז די פאַרמלחמהדיקע „דוואַ גראָשע", אָדער די אָרגאַנען פון פּיאַסעצקיס כוליגאַנישע אַנטיסעמיטן, האָבן געמעגן זיין אַ כפּרה פאַר אים. דעם 7־טן יוני האָט פּיאַסעצקיס צייטונג פאַרגליכן דאָס פאַרנעמען ירושלים צו דער נאַצישער אָקופּאַציע פון עסטרייך.

אָבער אָט די גאַנצע העצע האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן אַ ריי דרייסטע מענטשן, ייִדן און נישט־ייִדן, אויסצודריקן זייער סימפּאַטיע פאַר קאַרדינאַל ווישינסקיס מוטיקן אַרויסטריט. אַזוי, למשל, האָט דער ראַדיאָ־זשורנאַליסט אַרטור פישער צוגעשיקט אַ בוקעט בלומען מיט אַ דאַנק דעם קאַרדינאַל. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים גלייך אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט און זיין בוך, וואָס איז שוין געווען באַשטימט צום דרוקן, איז פאַרבאָטן געוואָרן.

די קאָנצענטרירטע אַנטיסעמיטישע העצע איז געפירט געוואָרן אויפן גאַנצן פראָנט — אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע; אַרויסטרעטונגען אויף פאַרזאַמלונגען פון פאַבריקן און פאַראיינען. נאָך מער — מ'האָט געצווּנגען ייִדישע קאָמוניסטן אָנצושרייבן רעזאָלוציעס קעגן דער ייִדישער מדינה, און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, אָדער דאָס געטאָן אָן האַרץ, אַזוי ווי מען קען עס טאָן אויף אַ געצווּנגענעם אופן — האָט מען זיי אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי און אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. אַפילו אין דעם קלענסטן שטעטל, ווּ עס זענען געווען אַ קליינע צאָל ייִדן, האָט מען אָפּגעזוכט אַן איינצלנעם ייִדישן קאָמוניסט און מ'האָט אים געצווּנגען צונויפצושטעלן אַ קאָמיטעט ער זאָל אָננעמען אַן אַנטי־ישראל רעזאָלוציע.

דעמאָלט איז אויך געקומען צו דער אויפלייזונג פון ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, ווען אַזעלכע פאַרהאַרטעוועטע קאָמוניסטן, ווי דוד ספֿאַרד און הערש סמאָלאַר, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן כדי נישט צו באַדאַרפן אונטערשרייבן די שענדלעכע רעזאָלוציעס. מ'האָט זיי טאַקע אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי און זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס קאָמוניסטישע פּוילן, וועמען זיי האָבן געדינט צענדליקער יאָרן מיט לייב און לעבן, אַפילו דעמאָלט ווען זיי האָבן שוין אַליין נישט געגלויבט אין דעם וואָס זיי טוען.

דער מחבר באַנאַס שטעלט פעסט, אַז דער קאָנצענטרירטער אַטאַק מצד די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַנען קעגן דער קליינער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס טייל פון זיי האָבן זיך אַליין נישט באַטראַכט פאַר ייִדן, איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם פאַר אַלע צייטן. דאָס זעלבע שטעלט פעסט דוד ספֿאַרד אין זיין לעצטן בוך, וואָס איז דערשינען נאָך זיין טויט. אינעם דאָזיקן בוך מאַכט ער אַ טרויעריקן סך־הכל פון זיין אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ווער האָט זיך געקענט אַ מאָל פאָרשטעלן, אַז מענטשן וואָס רופן זיך קאַמוניסטן וועלן דערגיין צו אַזאַ פינצטערן אַנטיסעמיטיזם, אַז זיי וועלן ממש מיט פיזישן כוח אַרויסשטופּן פון פּוילן די לעבן־געבליבענע רעשטלעך פון דעם אַ מאָל רייכן ייִדישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד, וואָס האָט געבלויזט אַן ערך טויזנט יאָר.

דאָס בוך פון יאָסעף באַנאַס איז ווערט געלייענט צו ווערן פון יעדן ייִדישן לייענער, וועמען עס אינטערעסירט נאָך די געשיכטע פון די לעצטע ייִדן אין פּוילן. עס געפינט זיך (אין ענגליש) אינעם חורבן־צענטער אין עלסטערנוויק און יעדער קען אַריינקומען און עס לייענען אויפן אָרט, ווייל די ביכער פון דאָזיקן צענטער ווערן נישט אַרויסגעגעבן צו לייענען אין דרויסן.

הערשל באַכראַך

# דער יידישער גירוש פּוילן 1968

אונטער דעם קעפּל ״דאָס כּפּרה־הינדל״ (״סקייפּעגאָאַט״) איז דערשינען אין ענגלישער איבערזעצונג דאָס בוך פון יאָסעף באַנאַס. דער מחבר איז זיכער אַ ייד, וועלכער איז געווען טעטיק אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן אין דעם קאָמוניסטישן מלוכהשן אָדער פּארטייאישן אפּאראט. דאָס בוך איז איבערגעזעצט דורך טאַדעאוש שאַפּאַר און רעדאַגירט פון לייאָנעל קאָכאן, אָבער די איבערזעצערס גיבן נישט אָן פון וועלכער שפּראַך דאָס בוך איז איבערגעזעצט.

דאָס בוך איז אַן ערנסט היסטאָריש ווערק, גוט דאָקומענטירט, און באַשרייבט אויספירלעך גירוש פּוילן 1968, דורכגעפירט אויף א ברוטאלן אופן דורך דעם קאָמוניסטישן רעזשים פון גאָמולקא און מאָטשאר. דער מחבר האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט ווי אן אריינפיר געגעבן די געשיכטע פון דעם בארימטן דאָקטוירים־פּראָצעס אין מאָסקווע אין יאָר 1952, וועלכן סטאַלין און זיין געהילף בעריאַ האָבן פארטראכט, כדי אויף דעם אופן צוצוגרייטן דעם גירוש פון די רוסישע יידן קיין סיביר, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן פריער מיט אנדערע נאַציאָנאלע מינדערהייטן: די וואָלגא־דייטשן, די טאַטאַרן, טשעטשענצעס און אנדערע. די אוקראַינער — האָט כרושטשעוו געזאָגט בעת זיין באַרימטער רעוועלאַציע־רעדע אויפן צוואַנציקסטן פּארטיי־קאָנגרעס אין 1956 — האָט ער נישט באוויזן ״איבערצוזידלען״, ווייל זיי זענען געווען צו פיל.

דער דאָזיקער אריינפיר פון מחבר באַווייזט ריכטיק, אַז דער גירוש פּוילן איז דורכגעפירט געוואָרן לויט סטאַלינס מוסטער און טאַקטיק מיט דעם ליגנערישן דאָקטוירים־פּראָצעס אין 1952, ווען נאָר אַ דאנק זיין פריען טויט (אָדער מאָרד איבער אים) איז אויסגעמיטן געוואָרן די שרעקלעכע טראַגעדיע פאר דעם רוסישן יידנטום.

ווי אין פאל סטאַלין, איז די פּוילישע אנטי־יידישע קאמפּאַניע געווען אַ מיטל אין דעם קאמף פאר מאַכט מצד גאָמולקאַ און מאָטשאר. יעדער איינער פון זיי האָט פּרובירט איבעריאָגן אין•אנטיסעמיטישער העצע איינער דעם אנדערן. מאָטשאר, למשל, האָט געפירט אַ געהיימע עווידענץ, ווער פון די נאָכמלחמהדיקע קאָמוניסטישע הערשער זענען געווען יידן (ליידער, זענען זיי געווען צו פיל), אָדער בעסער געזאָגט, פון יידישער אָפּשטאמונג.

נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין ישראל, אין יאָר 1967, האָט גאָמולקא געהאלטן זיין באַרימטע כוליגאנישע רעדע, אין וועלכער ער האָט באשולדיקט די יידן (ווער זענען דעמאָלט געווען די יידן דאָרטן אויב נישט כשרע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געהאָלפן פארפעסטיקן די קאָמוניסטישע הערשאפט אין פּוילן), אז זיי זענען פינפטע קאָלומניקעס אין לאנד.

דער קאָמאנטיסעמיט מאָטשאר, דער העלד פון קעלצער פּאָגראָם אין יאָר 1946, איבער די קעלצער יידן, וועלכע זענען ארויס פון די באהעלטענישן אָדער געקומען פון דער סאָוויעטישער פארשיקונג, האָט נאָך גאָמולקאס רעדע אָנגעהויבן אן אנטיסעמיטישע העצע, באשולדיקנדיק די יידישע קאָמוניסטן, אז זיי זענען פאראנטוואָרטלעך פאר די פארברעכנס פון סטאַלין־ביערוט פעריאָד, ווען מען האָט ארעסטירט און פאראורטיילט צום טויט טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זענען שפּעטער רעהאַביליטירט געוואָרן (די טויטע האָט שוין נישט געהאָלפן קיין רעהאביליטאַציע). ער האָט געקענט גאנץ אָפן טייטלען מיט די פינגער אויף יעקב בערמאן, רוזשאנסקי און אנדערע, וועלכע האָבן געדינט אין דעם ״זיכערקייט־אַפּאַראַט״ (או־בע).

דער גרויסער ליגן פון מאָטשארס העצע איז באַשטאַנען אין דעם, אז נישט נאָר די יידישע קאָמוניסטן, נאָר טויזנטער כשרע פּוילישע קאָמוניסטן, אונטערגעהאָלפן פון טויזנטער רוסישע ״ראטגעבער״, האָבן זיך פארנומען מיט דעם סטאלין־ביערוט טעראָר, וועלכער האָט אויך פארכאפּט דעם סאמעראָדנעם גאָמולקא. אָבער דער לעצטער, נאָכן באפרייט ווערן נאָך פינף יאָר תפיסה, און ווערנדיק צוריק עולה לגדולה, האָט געהאט צוגעזאָגט צו ליבעראליזירן דעם קאָמוניסטישן רעזשים. עס איז ליקווידירט געוואָרן די או־בע, טויזנטער ארעסטירטע זענען באפרייט געוואָרן, סיי פון די פאלש־באשולדיקטע קאָמוניסטן, און אפילו די אָפענע קעגנער פון קאָמוניסטישן רעזשים, ווי די ״ארמיא קראיאָוואַ״ און אנדערע.

אָבער דער ״ליבעראלער״ פּעריאָד האָט לאנג נישט געדויערט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אן אנטיסעמיטישער וועט־געיעג צווישן גאָמולקא און מאָטשאר ווער ווער וועמען עס וועט איבערשטייגן אין אנטיסעמיטיזם. א גוטע געלעגנהייט פאר דעם איז געווען די זעקס־טאָגיקע מלחמה אין מדינת־ישראל, ווען אויף נאסערס מאָביליזאציע און זיין ארויסטרייבן דאָס יו־ען־מיליטער, האָט ישראל געענטפערט מיט אַן אַטאַקע, וועלכע האָט צעשמעטערט דאָס עגיפּטישע מיליטער און ספּעציעל דעם לופט־פלאָט, צוזאמען מיט דער יאָרדאנישער ארמיי. מדינת־ישראל איז ארויס א זיגער.

דער דאָזיקער נצחון האָט, ווי מיר געדענקען, ארויסגערופן גרויס באוווּנדערונג אין דער גאנצער וועלט, אָבער אין דעם קאָמוניסטישן פּוילן איז די פרייד געווען אַן אומבאשרייבלעכע. זיי האָבן דאָס אויפגענומען ווי א מפּלה פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק און דעם סאָוויעטישן געווער, אין וועלכן אויך פּוילן האָט געמוזט זיין באטייליקט, איבערפירנדיק אומזיסט געווער און אמוניציע פאר דער עגיפּטישער ארמיי. די פרייד אין די פּוילישע מיליטערישע קרייזן איז געווען אַן אומגעהויערע.

אלס ענטפער דערויף האָט דער ״ליבעראלער״ גאָמולקא אָנגעהויבן א רייניקונג אין דער ארמיי; מ׳האָט אָן שום ריקזיכט ארויסגעוואָרפן אָפיצירן פון יידישער אָפּשטאמונג און אפילו אזעלכע, וועלכע האָבן גאָר נישט געוווּסט, אז זיי שטאמען פון יידן... זיי האָבן געהאט איבערגעלעבט די

שלום ג.

# מען זוכט ביי אַ קאָזאַק יושר...

די פּרעסע האָט אַ שוואַכקייט (אפשר איז די שוואַכקייט דער באַזיס פון איר עקזיסטענץ) אויסצוזוכן יאָרצייטן, דעקאַדן, קיילעכדיקע דאַטעס פון וויכטיקע געשעענישן און אַרום דעם באַשעפטיקן צענדליקער זשורנאַליסטן וואָס מאַכן אויספירן, סך־הכלען, זאָגן אַרויס פּראָגנאָזן, חקרענען זיך צי האָט עס יאָ אָדער נישט געלוינט?

אַצינד האָבן זיי דערטאַפּט אַן ענין, וואָס האָט נישט דאָס ווערט פון פּאַפּיר אויף וועלכן מען שרייבט וועגן דעם, און מען האַלט אין איין שאַצן און איבערשאַצן.

אַצינד — הייסט עס — איז געוואָרן 10 יאָר זינט 35 מלוכות האָבן אין דער הויפּטשטאָט פון פינלאַנד, העלסינקי אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן זיי פאַרפליכטן זיך:

- רעספּעקטירן אַלע אייראָפּעאישע גרענעצן און זיך אָפּהאַלטן פון דראָען אָדער נוצן כוח קעגן איינאַנדער.
- נישט אַריינמישן זיך — דירעקט אָדער אומדירעקט — אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון יעדן לאַנד.
- רעספּעקטירן מענטשן־רעכט און פרייהייט פאַר אַלעמען, אַריינגערעכנט די פרייהייט פון געדאַנק און דאָס רעכט פון מינדערהייטן.
- דערמעגלעכן די פאַראייניקונג פון משפּחות, צעטיילטע דורך גרענעצן און באַהאַנדלען אויף אַ הומאַניטאַרן אופן די ביטעס פאַר פאַראייניקונג פון די משפּחה־מיטגלידער.
- דערמעגלעכן מער באַוועגונגס־פרייהייט פאַר זשורנאַליסטן.
- אינפאָרמירן באַצייטנס וועגן פאַרנעמיקע מיליטערישע מאַנעווערס און איינלאַדן אויסלענדישע אָבסערוואַטאָרן צו די דאָזיקע מאַנעווערס.
- דערמוטיקן צוזאַמענאַרבעט אויף געביטן פון האַנדל, אינדוסטריע, וויסנשאַפט און אָפּהיטן די נאַטירלעכע אייגנאַרטיקייטן.

די אַמעריקאַנער האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ ווילדע מציאה דורך דעם, וואָס די סאָוויעטן האָבן אונטערגעשריבן דעם דאָזיקן אָפּמאַך.

פאַר די סאָוויעטן איז דער ערשטער טייל פון אָפּמאַך געווען ווי אָנגעמאָסטן. קיין איין אייראָפּעאישע מדינה — און אפשר אין דער וועלט — האָט נישט אַזוי פיל דיספּוטירבאַרע גרענעצן ווי די סאָוויעטן מיט אירע סאַטעליטן.

קודם איז מען אין דער מערב־וועלט נישט באַגייסטערט פון דער א.ג. סאָוויעטישער איינפלוס־זאָנע, וואָס פאַקטיש מיינט עס: די סאַטעליטן פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע די רוסן האַלטן אין אַן אייזערנער צוואַנג דורך די מיליטערישע גאַרניזאָנען, וועלכע סטאַציאָנירן דאָרט. די אומצופרידנקייט פון דער באַפעלקערונג אין די לענדער האָט זיך פאַרענדיקט מיט שאַרפע מיליטעריש־פּאָליטישע רעפּרעסיעס (מזרח־דייטשלאַנד, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן).

אויך הערט מען פון צייט צו צייט שטימען פון אומצופרידנקייט מיט דער סאָוויעטישער אַנעקסיע פון די באַלטישע לענדער; הגם די אָפיציעלע דייטשע פּאָליטיקער רעדן נישט דערפון, האָבן די דייטשן נאָך נישט אויפגעגעבן זייער האָפענונג פון פאַראייניקן ביידע דייטשלאַנדס. זיי זענען אויך נישט באַגייסטערט פון דער פּויליש־דייטשער גרענעץ, צוליב די געביטן וועלכע פּוילן האָט אָפּגעשניטן פון דייטשלאַנד.

מיט איין פּאַראַגראַף האָט מען די סאָוויעטן צוגעטראָגן אַ לעקעכל: אָנערקענונג פון דער אומבאַרירלעכקייט פון די עקזיסטירנדיקע גרענעצן.

דאָס נישט אַריינמישן זיך אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון יעדער מדינה — ווי עס שטייט אין אָפּמאַך — גיט די סאָוויעטן ביי זיך אין לאַנד און אין די סאַטעליטן־לענדער די אָפיציעלע הסכמה פון מערב צו אונטערדריקן יעדן מין קולטורעלן אָדער געזעלשאַפטלעכן פאַרלאַנג פון אַ געוויסער מאָס זעלבסטשטענדיקייט — ווי דאָס איז געשען מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג "סאָלידאַרנאָשטש" אין פּוילן.

וואָס שייך די איבעריקע פּונקטן — לאַכן זיך די סאָוויעטן אויס, מחמת זיי האָבן פון לכתחילה נישט געהאַט בדעה זיי צו אויספאָלגן.

אויב זיי האָבן נאָך דערלויבט אַ געוויסע צאָל יידן אויסצוואַנדערן, איז עס געווען מיט דער אויסרעכענונג צו קריגן האַנדלס־קאָנצעסיעס פון אַמעריקע און גרויסע קרעדיטן. ווען דאָס האָט זיך נישט מאַטעריאַליזירט — האָט מען צוגעמאַכט די גרענעץ און די רדיפות האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער באַקאַנטער סאָוויעטישער אכזריות.

פיר הונדערט טויזנט יידן וואַרטן די סאָוויעטן זאָלן האָנאָרירן זייער אונטערשריפט פון 1־טן אויגוסט 1975, און לאָזן זיי אַרויסצופאָרן פון לאַנד.

די סאָוויעטן האָבן געהאַט אַ גוטן לערער — אַדאָלף היטלער — וועלכער האָט געוויזן דעם וועג, אַז אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, ספּעציעל מיט מערב קאָן מען אומבאַשטראָפט איגנאָרירן.

עס איז קלאָר, אַז די סאָוויעטן, ביי וועלכע אַנטיסעמיטיזם איז אָפיציעלע מלוכה־פּאָליטיק — האַלטן די יידן ווי אַ משכן, ווי שקלאַפן, וועלכע מען וויל פאַרהאַנדלען פאַר אַ גוטן פּרייז.

די סאָוויעטן האָבן געצאָרנט, ווען דער אַמעריקאַנער סענאַט האָט אָנגענומען דעם דזשאָנסאָן־וואַניג צוגאָב צום געזעץ וועגן פּריווילעגירטן האַנדלס־סטאַטוס פאַר פרייַנטלעכע פעלקער, וואָס מאַכט אָפּהענגיק די סאָוויעטישע מעגלעכקייט פון באַקומען אַזאַ סטאַטוס — און זיי האָבן זיך גאָר שטאַרק באַמיט — פון דער באַציאונג צו דער עמיגראַציע פון די יידן.

דער צוזאַמענקונפט אין העלסינקי אָפּצוצייכענען די דאַטע, און די רעדע פון אַמעריקאַנער סעקרעטאַר פאַר אויסערן־ענינים שולץ, וועגן ברעכן אָדער בכלל איגנאָרירן דעם אָפּמאַך פון די סאָוויעטן — די דאָזיקע רעדע האָט אָפּגעקלונגען אין די יידישע אויערן מיט אַ גוט־באַקאַנטן זאָג:

"גיי זוך ביי אַ קאָזאַק יושר..."

מקרב־זיין דעם אָרעמאַן און דעם עם־הארץ, דאָס איבערצייגן אים, אַז מיט אמונה קאָן ער דערגרייכן די נאָענטקייט צו גאָט ווי דער גרעסטער למדן, דאָס האָט געשאַפן די מאסן־באַוועגונג און דאָס איז געווען דער אַבסאָלוטער פּאָזיטיווער בייטראָג פון חסידיזם אין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע אין מזרח און דרום־מזרח אייראָפּע. אַ קוואַליפיצירטער בייטראָג איז געווען דאָס אַריינפירן דעם צדיק אין דעם יידישן לעבנסשטייגער אין יענעם טייל פון אייראָפּע. אַ פענאָמען, וואָס האָט געהאַט געוויסע פּאָזיטיווע עלעמענטן, ווייל די מאַסן דאָרטן האָבן זיך גענויטיקט אין אַזאַ פּערזענלעכקייט. אָבער פון סעקולערן ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט איז דער צדיק, דער בעל־מופת, אָדער דער פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט, געווען אַ רעגרעסיווער שריט צו די פינצטערע צייטן פון מאַגישע כוחות.

ווי אַלע היסטאָרישע באַוועגונגען איז די חסידישע באַוועגונג דורכגעגאַנגען די געשיכטלעכע ציקלען פון אויפבלי ביז דעקאַדענץ. שוין אין 19־טן יאָרהונדערט, ווערט בולט די דעקאַדענץ פון דער חסידישער באַוועגונג. דאָס פייער פון פראַנקיזם שוין לאַנג אויסגעלאָשן, ס׳הויבט זיך אָן די קאָנקורענץ צווישן די חסידישע דינאַסטיעס. די פאַרשידענע דינאַסטיעס זענען זיך כמעט שונאים. די חסידישע רביים ווערן אויך לומדים, זייערע אָנהענגער — די חסידים — באַהערן די קהילות. זיי ווערן די ״עסטאַבלישמענט״.

דאָס הומאַניסטישע אין דער חסידישער פילאָסאָפיע ווערט נישט מער פּראַקטיצירט. דער אָרעמאַן ווערט גאַנץ שנעל אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון קלייזל. די בעל־מלאכות שטייען אָדער זיצן נישט ווייט פון דער טיר. זיי ווערן באַטראַכט ווי ארחי־פרחי. ביי דער מזרח־וואַנט זיצן די ״שיינע יידן״.

אין דער יידישער־חסידישער געזעלשאַפט צעבליט זיך ווי קיין מאָל פריער, דער באַגריף ייחוס און דער ייחוס־בריוו דאַרף זיך ציען צו לומדים, רביים אָדער ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט מאַטעריעלע עשירות. מאַטעריעלע עשירות שטייט אויפן ערשטן אָרט. בלויז דער אָפּשטאַם פון די צדיקים איז נישט גענוג די אַזוי־גערופענע ״אייניקלעך״, וואָס האָבן געשטאַמט פון די צדיקים, אָבער זענען נישט געווען בכוח אויפצושטעלן אַן אייגן ״הויף״, ווערן דערני־דעריקט צו דער קאַטעגאָריע, וואָס מענדעלע באַצייכנט מיטן נאָמען ״טאָרבע־יידן״, בעטלער, וואָס גייען איבער די הייזער.

מאַרטין בובערס פילאָסאָפישע ווערק וועגן חסידיזם אין דער קלאַסישער דייטשער שפּראַך, איבערגעזעצט אויף אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן, האָבן נישט געשאַפן ״נעאָ־חסידישע״ באַוועגונג, ווייל אַ מאַסן־באַוועגונג איז נישט אַ רעזולטאַט פון אַ פילאָסאָפישן ווערק, אויב די היסטאָרישע באַדינגונגען, די רעאַליסטישע ווירקלעכקייטן נויטיקן זיך נישט אין אַזאַ באַוועגונג. בובערס ווערק זענען פאַרבליבן אין דער ספערע פון אַבסטראַקטער פילאָסאָפיע.

* * *

מיטן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום זענען אויך חרוב געוואָרן די חסידישע באַוועגונגען אין אייראָפּע. פון אַן איבערוועגנדיקער מערהייט פון יידישן פאָלק זענען די היינטצייטיקע חסידים קוים אַ 5־6 פּראָצענט פונעם פאָלק און אפשר נאָך ווייניקער.

וואָס שייך די היינטצייטיקע חסידישע באַוועגונגען, שטייען פאַר אונדז אַ גאַנצע ריי פראַגן, למשל: ווי ווייט שפּיגלען זיי אָפּ דעם דעקאַדענטישן חסידיזם פון פאַר דער מלחמה? צי איז איינגעטראָטן אַ ווייטערע און טיפערע דעגענעראַציע?

נעמענדיק אין באַטראַכט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען אין וועלכע יידן לעבן היינט צו טאָג, צי איז אַלץ דאָ אַ וועלכער עס איז אָרט פאַר אַ דינאַסטישן צדיק?

צי איז היינט צו טאָג פאַראַן אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט און אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פאַר די חסידישע באַוועגונגען? וואָס איז דאָס פּאָזיטיווע און וואָס איז דאָס נעגאַטיווע אין די דאָזיקע באַוועגונגען?

דאָס אַלץ איז אָבער אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס איז אויסערהאַלב די ראַמען פון אַן אָביעקטיווער היסטאָרישער אָפּשאַצונג, ווייל דאָס זענען אַקטועלע ענינים, אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן מער צו טאָן [illegible]


Goldy's

COFFEE LOUNGE
AND RESTAURANT

CONTINENTAL MEALS SERVED

☆

212 LITTLE COLLINS STREET
MELBOURNE 3000
(Opposite Victoria Hotel)

Props: Mr. & Mrs. A. GOLDBERG

„שער און אייזן"־יידן האָבן מיט התלהבות אין א צושטאנד פון עקסטאז געטאנצט און געזונגען „וטהר לבנו לעבדך באמת" האָבן זיי זיך געפילט באהאפטן מיט גאָט.

ווי ווייט חסידיזם האָט מקרב געווען דעם אָרעמען און דעם עם־הארץ ווערט אויסגעדריקט אין דער באקאנטער מעשה וועגן ר' לוי־יצחק בארדיטשעווער, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַלעמער מיטן שופר אין האַנט און געווארט און געווארט מיט די תקיעות. נאָך א לאנגן שווייגן, וואָס האָט באַאומרואיקט די מתפללים האָט ר' לוי־יצחק אויפגעקלערט, אז צווישן די מתפללים געפינט זיך א דאָרפסגייער וואָס האָט זיך שטארק צעוויינט פאר תקיעת־השופר, ער קאָן נעבעך נישט דאווענען. האָט ער זיך געוואָנדן צו גאָט: דו גאָטעניו ווייסט דאָך די כוונות פון אלע תפילות, אָבער איך דער דאָרפסגייער קאָן נישט מער ווי דעם אלף־הית, וועל איך זאָגן אלף, בית, גימל און דו גאָטעניו מאך פון זיי תפילות... מיר האָבן געמוזט שווייגן, האָט ר' לוי־יצחק אויסגעלאָזן, ווייל גאָט אַליין זיצט אויף זיין שטול און פלעכט אויס תפילות פאר אונדזער אָרעמען דאָרפסגייער.

מיט אזא צוגאנג האָט די חסידישע באוועגונג צעשטערט די הערשאפט פון די תקיפים, די פרנסים פון דער קהילה און פון די אראָגאנטע רבנים.

פון היסטאָרישן שטאנדפּונקט, רעטראָספּעקטיוו, **דארף מען אָנערקענען, אַז אַ דאַנק דעם וואָס די חסידישע באַוועגונג האָט באַהערשט די קהילות דורך די מאַסן זענען פּאַקטיש פאַרלאָשן געוואָרן די לעצטע פייער־שפּורן פון פראַנקיזם.**

איינס פון די וויכטיקסטע כאראקטער־שטריכן פון חסידיזם איז געווען דאָס אוועקשטעלן אין צענטער פון דעם חסידישן לעבנסשטייגער דעם צדיק. אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט, א קאָנטראָווערסאלע פיגור.

דער בעל־שם־טוב האָט זיך קונה־שם געווען אלס א בעל־מופת. ער האָט געהאָלפן די נויטבאדערפטיקע, וואָס האָבן זיך צו אים געוואָנדן מיט קמיעות־קוויטלעך אָנגעשריבן אויף פארמעט מיט נעמען פון גוטע מלאכים און אָפּשפּרעכערצער קעגן בייזע מלאכים. די קמיעות זענען געווען געפּאקט ווי מזוזות אין בלעכענע פּושקעלעך. מען פלעגט זיי אויפהענגען אויפן בעט פון א קימפּעטאָרן; פון א ניי־געבוירן קינד. ווייזט אויס, אז אין מזרח־אייראָפּע האָבן יידן געגלעכצט נאָך א בעל־מופת.

די פּערזענלעכקייט פון דעם צדיק האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אַלס אַ „קאָנפעסאָר" אין רעליגיעזע ענינים; אלס דער פּסיכאָלאָג, אָדער פּסיכיאטאָר אין העלפן גייסטיק קראנקע. דער צדיק האָט אויך געקענט גוזר זיין אַ דיבוק צו פארלאָזן דעם גוף אין וועלכן ער איז אריינגעדרונגען.

מיט דער צייט איז דער צדיק אויך געוואָרן דער בעל־יועץ פון סוחרים, אינדוסטריעלער. זיי פלעגן קומען צום רבין איידער זיי האָבן געמאכט א דעציזיע וועגן א געוויסן געשעפט. זיי באראטן זיך מיטן רבין. דער רבי ווערט א מומחה אין געשעפטס ענינים. ער גיט עצות און דאָס וויכטיקסטע, ער גיט ברכות און אָפט מאָל פארזיכערט זיך דער יידישער קאפּיטאליסט די השגחה פון רבונו של עולם ווען ער טיילט צו דעם רבין אַ פּראָצענט פון רווח. די חסידישע וועלט באטראכט דעם צדיק אלס א הייליקע פערזענלעכקייט, וואָס שטייט נאָענט צו גאָט. צו אים קומען זיי אין פרייד און לייד.

אָביעקטיוו, אָן שום פאראורטיילן זעען מיר אין דעם צדיק געוויסע פּאָזיטיווע שטריכן אָבער די רעגרעסיווע עלעמענטן, די נעגאטיווע קאָן מען נישט פארלייקענען.

די פאָרשער פון חסידיזם ווידמען אַ גאָר גרויסן פּלאַץ דעם פּאנטעיזם פון דער חסידישער פילאָסאָפיע. אַ פילאָסאָפישע דאָקטרין וואָס אידענטיפיצירט גאָט מיט דער וועלט, אזוי צו זאָגן — גאָט איז אלץ און אלץ איז גאָט. די פאָרשער אנאליזירן די ענלעכקייטן און אונטערשידן צווישן חסידישן פּאנטעיזם און שפּינאָזאס פּאנטעיזם, און היות דער חסידישער פּאנטעיזם שטיצט זיך אויף דער קבלה, ווייזן זיי אויף ווי אזוי חסידיזם האָט פאראיינפאכט די לערע פון דעם אר"י הקדוש.

די אלע קאָמענטארן און אנאליזן זענען א באווייז, אז די פאָרשער זענען גרויסע געלערנטע. אָבער פאַר דער אָפּשאצונג פון חסידיזם, אלס א כוח וואָס האָט פארבאפּט די יידישע מאסן אין מזרח־אייראָפּע און באַאיינפלוסט דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע אין דעם טייל פון דער וועלט, האָט די גאַנצע פילאָסאָפיע פון פּאַנטעאיזם נישט געהאט קיין שום פּראקטישע באדייטונג. דער גאנצער עסק שטאמט פון דעם, וואָס דער בעל־שם־טוב פלעגט זיך אָפט צוריקציען צו די פעלדער, וועלדער און בערג, ווו ער האָט מעדיטירט און באטראכט די שיינקייט פון דער נאטור. דערציילן זיינע תלמידים, אז ער פלעגט פריידיקן „מלא כל הארץ כבודו" — די גאנצע ערד איז פול מיט פּראכט. „כבודו מלא עולם", די פּראכט פון גאָט פילט אָן די גאנצע וועלט. דער בעל־שם־טוב איז נישט געווען קיין גרויסער למדן. געווען א נאטור־פילאָסאָף און צו באוווּנדערן די סודות פון דער נאטור, דארף מען זיך נישט גריבלען אין פילאָסאָפישע ספרים.

דער פּאנטעאיסטישער טייל פון דער חסידישער פילאָסאָפיע איז א שפּעטערע אנטוויקלונג פון חסידישע אויטאָריטעטן, ווי ר' שניאור־זלמן פון ליאדי, דער בעל־התניא און אנדערע, וואָס זענען שוין געווען לומדים, גדולי־התורה. אָבער עס איז היסטאָריש פאלש צוצושרייבן דעם מינימאלסטן איינפלוס פון דער דאָזיקער פילאָסאָפיע אין דער אנטוויקלונג פון דער חסידישער באוועגונג. די דאָזיקע פילאָסאָפיע איז געווען אינטעלעקטועלער שפּייז פון א גאָר ענגן קרייז פון חסידישע לומדים, וואָס האָבן זיך געגריבלט אין קבלה, בכדי צו באגרייפן די סודות פון באשאף און זיי האָבן באטראכט און באטראכטן נאָך עד היום די קבלה אלס דעם העכסטן אויסדרוק פון וויסנשאפט.

די מאסן פון דער חסידישער באוועגונג, פון דער צייט פון בעל־שם־טוב ביז צום חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום זענען נישט געווען פאראינטערעסירט אין פילאָסאָפישע טראקטאטן וועגן די סודות פון באשאף. די מאסן האָבן זיך געשאָקלט מיט דביקות ביים דאווענען און נישט פארשטאנען דעם לשון קודש פון די תפילות.

דאָס הומאַניסטישע פון חסידיזם, די ברידערשאַפט, דאָס

מענדעלסאָן, וואָלט די השכלה־באַוועגונג טראָץ דעם געשאַפן געוואָרן, אפשר געציילטע יאָר שפּעטער.

אין מזרח־אייראָפּע האָט געהערשט א גאָר אַנדערע וועלט. דאָס מיינט די גוייִשע וועלט און די יידישע וועלט, און די היסטאָרישע ווירקלעכקייט האָט דאָרט געפאָדערט א גאַנץ אַנדערן יידישן אָפּרוף.

וואָס שייך די גוייִש־יידישע באַציאונגען: אומגעפער אַ 50 יאָר פריער געבוירט פון ר׳ ישראל בן־אליעזר זענען פאָרגעקומען די כמיעלניצקי־פּאָגראָמען אין 1648־1649. די שרעקלעכע יאָרן פון שנת ת״ח ות״ט. אַ ביסל שפּעטער — פּאָגראָמען אין מאָגילעוו און לובלין. אין די צייטן פון בעל־שם־טוב קומען פאָר די הײַדאַמאַקיע־פּאָגראָמען אין אוקראַינע. אזוי ווייט די גוייִש־יידישע באַציאונגען.

אין די יאָרן באַלד נאָך די כמיעלניצקי־פּאָגראָמען קומט די שבתי־צבי באַוועגונג. נישט אַרײַנגייענדיק אין דער קאָנטראָווערסיע אויב און אויף ווי ווייט די כמיעלניצקי־פּאָגראָמען האָבן באַאײַנפלוסט די שבתי־צבי באַוועגונג, מוז מען אָבער אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער טעמע אונטערשטרייכן דאָס אויסערגעוויינלעכע, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די יידישע קהילות. יידן האָבן זיך געפּייניקט מיט תעניתים, זיך געוואַלגערט אין שניי, בכדי זיך מטהר צו זיין; געלאָפן זיך טובל זיין אין מקוואות עטלעכע מאָל אין טאָג, ווייל אָט־אָט וועט זיי דער משיח אויסלייזן. גאַנצע עדהס פון אַזעלכע יידן האָבן נאָכגעפאָלגט שבתי־צבי צום שמד, צום איסלאַם. ווען דער שכל הישר האָט באַדאַרפט אָנווייזן יעדן יידן, אַז אויב אַפילו שבתי־צבי האָט ערלעך געגלויבט, אַז ער איז משיח און קאָן אַראָפּזעצן דעם סולטאַן, האָט ער זיך אָבער אַנטפּלעקט אַלס אַ מענטש באַהערשט פון א גייסטיק קראַנקער פאַנטאַזיע מיט דעם מאָמענט, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין טערקיי און אָנגענומען דעם איסלאַמישן גלויבן בכדי צו ראַטעווען זיין לעבן.

ליידער האָט דער שכל־הישר נישט געוועלטיקט. און ווו זענען געווען די רבנים, די לומדים? דער טרויעריקער ענטפער איז, אַז א טייל זענען געווען שבתי־צביאַניקעס און אַנדערע, ווייזט אויס, האָבן נישט געהאַט קיין אײַנפלוס אויף די מאַסן.

אין דער זעלבער צייט ווען דער בעל־שם־טוב פאַרשפּרייט זיין חסידות, פאַרשפּרייט זיך אויך די מגפה פון פראַנקיזם. עס איז ממש אומגלויבלעך. יידן אונטערהאַנדלען מיט די קריסטלעכע בישאָפן, אַז זיי זענען גרייט אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, נאָר זיי ווילן א פּאָר קאָנצעסיעס. למשל: מען זאָל זיי נאָך דעם ווען זיי וועלן ווערן קריסטן, דערלויבן ווייטער צו טראָגן בערד און פּאות... נישט צו עסן קיין חזיר, חתונה צו האָבן נאָר צווישן זיך. צו האַלט שבת פאַר ״גאָט דעם פאָטער״ און זונטיק — פאַר יעזוסן...

ווו זענען געווען די רבנים?

אמת, זיי האָבן צוזאַמען מיט די פּרנסים אינטערווענירט ביי די העכערע קריסטלעכע אינסטאַנצן, וואָס זענען אין יענע צייטן נישט מער געווען פאַראינטערעסירט אין פונאַנדערבלאָזן א ״תלמודישן״ בלוט־בלבול. דער פּוילישער קעניג איז אויך נישט געווען פאַראינטערעסירט, אָבער אינערלעך זענען זיי געווען מאַכטלאָז קעגן די פראַנקיסטן, וואָס זענען שוין געוואָרן אָפענע שונאים פון כלל ישראל און זייער מאַכטלאָזיקייט איז געוואָרן נאָך מער בולטער אין דער מלחמה קעגן דער חסידישער באַוועגונג, וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר א נאָך גרעסערער סכנה פאַר דעם כלל ישראל.

די חסידישע באַוועגונג האָט געזיגט, ווייל זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א רעליגיעז־סאָציאַלע רעוואָלוציע קעגן די פּרנסים, די דיקטאַטאָרישע קליקעס וואָס האָבן געוועלטיקט אין די קהילות און קעגן די רבנים, וואָס זענען געווען א טייל פון דעם ״עסטאַבלישמענט״.

די גרינדער פון דער חסידישער באַוועגונג האָבן פאַרשטאַנען און אויסגעדריקט די געפילן און די שטימונג פון דעם פּראָסט־פּשוטן יידן אין דער קהילה. זיי זענען געווען פאַריאָושט, זייער לאַגע איז געווען האָפענונגסלאָז. פּאָגראָמען, שבתי־צבי משיחיזם, פראַנקיזם. די דאָזיקע יידן זענען מיט גאָר קליינע אויסנאַמען געווען אָרעם. די פּרנסים און די רבנים, די אַזוי־גערופענע ״שיינע יידן״, האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט ביטול און פאַראַכטונג, כעפרא דארעא, ווי שטויב.

צוערשט האָבן די גרינדער פון דער חסידישער באַוועגונג געשאַפן קלייזלעך, ״שטיבלעך״ צום דאַווענען (א יעדער ייד אין יענע צייטן איז געגאַנגען דאַווענען בציבור, אויב ער איז נישט געווען אונטערוועגנס). מיט דעם שאַפן די קלייזלעך האָבן זיי פאַקטיש פאַרלאָזט די אָפיציעלע בתי־תפילות, די בתי־מדרשים, וואָס זענען געווען אונטער דער אויפזיכט פון די פּרנסים און רבנים. אין די קלייזלעך זענען די חסידים געווען בעלי־בתים פאַר זיך. דאָרטן האָבן זיי מקרב געווען די אָרעמע לייט און די עמי־הארצים, געשאַפן א שטימונג פון ברידערשאַפט. די פּראָסט־פּשוטע יידן, די האָלץ־העקערס, די וואַסער־טרעגערס, די בעל־עגלות, די דאָרפסגייער, בעל־מלאכות, די מאַרק־שטייער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט פון איין יאַריד צו דעם אַנדערן — זיי אַלע זענען געווען פרומע יידן, אָבער זיי האָבן קוים געקאָנט דאַווענען און צומאָל נישט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון די תפילות. און דאָס האָט אויך בייגעשטייערט צו זייער יאוש.

צו אָט די דאָזיקע יידן, וואָס זענען געווען רוב מנין ורוב בנין פון דער קהילה, האָבן זיך די גרינדער פון חסידות געווענדט און געלערנט מיט זיי, אַז מען קאָן דערגיין גאָטס גענאָד דורך דביקות, דורך רעליגיעזער עקסטאַז. מען דאַרף נאָר האָבן אמונה, די כוונה, דביקות און התלהבות ברענגען דעם מענטשן נענטער צו גאָט, ווי די לומדות פון די רבנים און תלמידי־חכמים. דאָס האָבן די חסידישע פירער באַצייכנט מיט דעם נאָמען: תורה־שבלב. און נאָך א גאָר וויכטיקע זאַך האָבן זיי געפּרעדיקט צווישן די אונטערפּריווילעגירטע אָרעמע יידן: אַז גאָט איז קעגן פאַרפּייניקן זיך מיט תעניתים, מען קאָן נישט דינען גאָט מיט עציבות, מיט טרויער.

גאָט פאָדערט נישט פון דעם ייד ער זאָל פאַר אים מורא האָבן, במקום שיש יראה אין גילה (ווו עס איז פאַראַן שרעק איז נישטאָ קיין פרייד). מיט פרייד קאָן זיך דער ייד דערנענטערן צו גאָט אַליין. ווען די חסידים, די אָרעמע

צוליב וואָס אזא האס? אזא ביטערע שנאה צווישן צוויי אָרטאָדאָקסישע, טיף רעליגיעזע גרופּן אין דער יידישער קהילה?

דער אָנגענומענער ענטפער איז, אז די חסידישע באוועגונג האָט אריינגעפירט א נייע אויסטייטשונג פאר דעם רעליגיעזן לעבן; ווי אזוי דער ייד קאָן און דארף דינען דעם בורא העולם און א נייעם לעבנס־שטייגער — דאָס אלץ, וואָס מען האָט שפּעטער באצייכנט אלס די פילאָסאָפיע פון חסידיזם.

צו באגרינדן דעם דאָזיקן ענטפער, האָבן די פאָרשער פון חסידיזם צעלייגט די חסידישע פילאָסאָפיע אויף קליינע פיצעלעך, פון פאנטעיזם ביז צום עקסטאטישן טאנץ פון "וישמחו".

אָביעקטיוו און אליין פאר זיך, וואָלט דאָס אלץ נישט באדארפט ארויסרופן אזא ביטערע שנאה, א מלחמה־אחים, א בירגער־קריג. א ראיה: אין פארגלייך מיט דער קאָמפּראָמיסלאָזער מלחמה קעגן די חסידים האָבן די אָרטאָדאָקסישע מתנגדים כמעט ווי טאָלערירט די משכילים, טראָץ דעם וואָס די משכילים האָבן אויך געפּרעדיקט א נייעם לעבנסשטייגער און טראָץ דעם, וואָס די משכילים האָבן נישט אזוי מדקדק געווען אויף די תרי"ג מצוות, בעת די חסידים זענען דאָך געווען מהדרין־מן־המהדרין...

עס אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אז דער ביטערער קאמף פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים קעגן די חסידים איז נישט געווען אזוי ווייט צוליב דעם, וואָס די חסידישע באוועגונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, נאָר צוליב דער גרויסער סכנה פארן כלל ישראל, וואָס אזא באוועגונג קאָן מיט זיך ברענגען (לויט זייער מיינונג). די סכנה האָט זיך באזירט אויף דער ביטערער דערפאַרונג פון דער נאָענטער פארגאנגענהייט, ווען טיף רעליגיעזע יידן זענען מאסנווייז אוועקגעפירט געוואָרן צום שמד. נאָכפאָלגנדיק שבתי־צבי האָבן זיי אָנגענומען דעם איסלאמישן גלויבן. געשען איז דאָס קוים מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק. אין די יידישע קהילות, אין די בתי־מדרשים האָבן זיך נאָך ווייטער געפונען געהיימע שבתי־צביאיניקעס, וואָס האָבן געגראָבן אונטער די פונדאמענטן פון דער קהילה.

אַ חוץ דער אַלטער סכנה פון די שבתי־צביאיניקעס איז, דווקא דעמאָלט, ווען די חסידישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, אַ נייער מכה באפאלן דעם פּויליש־רוסישן יידנטום. די באוועגונג פון די פראנקיסטן, געשאפן און אָנגעפירט פון יעקב פראנק — אַ נעאָ־שבתי־צבי באוועגונג, וואָס האָט גורם געווען שרעקלעכע צרות דעם כלל ישראל. נישט נאָר האָבן די פראַנקיסטן געפירט אָרטאָדאָקסישע יידן צום שמד, צו דער קאטוילישער קירכע, נאָר זיי האָבן צוזאמענגעארבעט מיט די פינצטערע עלעמענטן פון דער קירכע און זיי געהעצט קעגן די יידן און ספּעציעל קעגן דעם תלמוד. זיי, געוועזענע אָרטאָדאָקסישע יידן, האָבן מיט דער הילף פון די ביסקופּן אויפגעצווונגען אויף די רבנים עפנטלעכע דיספּוטן, כדי צו באווייזן אַז לויטן תלמוד, באנוצן יידן קריסטלעך בלוט אויף מצות און די פּוסקים אין אזא דיספּוט זענען געווען די בישאָפן, וואָס האָבן פאראָרדנט צו פארברענען דעם תלמוד.

דאָס אלץ איז פאָרגעקומען אין דער צייט ווען א נייע אָרטאָדאָקסישע באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן פארשפּרייטן אין די יידישע קהילות. איז טאקע נישט קיין ווונדער, וואָס די רבנים האָבן איינגעלייגט וועלטן צו פארלעשן א נייע פייער אפילו מיט א חרם, איידער דער פייער פארשלינגט דעם רעשט פון כלל ישראל.

די מלחמה האָט זיך פארענדיקט מיט דעם נצחון פון די חסידים. אומזיסט זענען די מתנגדים באהערשט געווען פון א מורא, אז די חסידישע באוועגונג איז א געפאר פאר דעם כלל ישראל.

צי דאָס איז געווען א זיג פון אַבערגלויבענישן און עם־הארצות קעגן דעם אינטעלעקט פון די שארפזיניקע לומדים?

בכדי צו פארענטפערן די דאָזיקע פראגע, דארפן מיר זיך אויף א ווײַלע אָפּשטעלן אויף דעם פענאָמען פון אַ מאסן־באוועגונג ביי א פאָלק און פון דעם גרינדער פון אזא מאסן־באוועגונג. דאָס מיינט נישט צו פארענטפערן די היסטאָריאָזאָפישע פלוגתא, צי דאָס איז די פּערזענלעכקייט וואָס שאפט א מאסן־באוועגונג און באַאיינפלוסט דעם גאנג פון דער געשיכטע, אָדער דאָס זענען היסטאָרישע ווירקלעכקייטן (לויטן מארקסיסטישן נוסח), מאטעריעלע צי סאָציאלע, קולורעלע, רעליגיעזע (אָדער אלע צוזאמען), וואָס שטופּן ארויס א צופעליקע פּערזענלעכקייט, וועלכע ווערט באצייכנט אלס דער גרינדער פון דער מאסן־באוועגונג.

ווער עס איז נישט איינגעפּרעסט אין א "קלעם־זשאקעט" פון געוויסע סאָציאל־פּאָליטישע טעאָריעס, זעט א קעגנזייטיקע באציאונג אין דער פארהעלטעניש צווישן דער מאסן־באוועגונג און די פּערזענלעכקייט וואָס ווערט באטראכט אַלס איר גרינדער.

כמעט אין דער זעלבער צייט זענען אנטשטאנען אין דער יידישער געשיכטע צוויי גרויסע מאסן־באוועגונגען: די השכלה אין מערב־אייראָפּע און די חסידישע באוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. משה מענדעלסאָן אין בערלין און ר׳ ישראל בן־אליאזר אין מעדזיבאָזש, פּאָדאָליע.

מערב־אייראָפּע האָט זיך געפונען אין ברען פון א קולטורעלער באוועגונג, "די אויפקלערונג". פון דער דאָזיקער באוועגונג האָבן געבלאָזן נייע ווינטן פון טאָלעראנץ. צענדליקער יאָרן פריער האָט דער סאָציאַל־פילאָסאָף דזשאָן לאַק אין ענגלאנד פארעפנטלעכט זיין "בריוו וואָס באטרעפט טאָלעראנץ" (1689). ער פאָדערט גלייכע ציווילע רעכט פאר אלע מענטשן. אין 1714 פארעפנטלעכט דזשאָן טאָלאַנד אין ענגלאנד א טראקטאט אונטער דעם טיטל "די גרונטן פאר נאטוראליזאציע פון יידן אין ענגלאנד און אירלאַנד — א פאַרטיידיקונג פון די יידן קעגן די ווולגארע פאראורטיילן קעגן יידן".

אין דייטש־רעדנדיקע לענדער פאָדערן רעכט פאר יידן ווילהעלם פאָן דאהם און גאָטהאלד לעססינג.

אין אָט אזא אטמאָספער באוויזט זיך משה מענדעלסאָן. די השכלה ווערט געשאפן. עס אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אז ווען עס וואָלט נישט געווען א משה

ד״ר מ. פערשטענדיק

# 250 יאָר חסידיזם

## (פון אויפבלי ביז דעקאַדענץ)

עס ווערט אָנגענומען, אַז ר׳ ישראל בן אליאזר, באַקאַנט אלס דער בעל־שם־טוב איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1699 (מער ווייניקער). עס ווערט ווייטער אָנגענומען, אז ווען ער איז אלט געוואָרן 36 יאָר, האָט ער זיך אנטפּלעקט (ווי די חסידים זאָגן: נתגלה געוואָרן) אלס בעל־שם־טוב. לויט דער אָנגענומענער אויסרעכענונג, איז דאָס געווען אין יאָר 1735.אזוי ארום אַ דאטע — 250 יאָר אָפּצומערקן די אנטשטייאונג פון דער חסידישער באוועגונג, וואָס דער בעל־שם־טוב ווערט באטראכט אלס איר גרינדער.

פאראַן אַ אויסערגעוויינלעך רייכע ליטעראַטור געווידמעט דער פאָרשונג און אָפּשאצונג פון דער חסידישער באוועגונג. די איינשטעלונג פון די פאָרשער, היסטאָריקער און סתם שרייבער זענען אָדער אבסאָלוט נעגאטיוו, ווי למשל, פּראָפעסאָר היינריך גרעץ, וואָס האָט באטראכט די חסידישע באוועגונג אלס א פינצטערן המון באהערשט פון גלייבעכצן און אַבערגלייבערישקייטן אין מופתים, ממש א שאנדע. פון דער אנדערער זייט זעען מיר אזעלכע פאָרשער, ווי ד״ר ש. א. האָראָדעצקי, בן־ציון דינור און צענדליקער אנדערע ערנסטע פאָרשער, וואָס זינגען בלויז שבחים; זיי גלאָריפיצירן דעם חסידיזם אָן שום רעזערוואַציעס.

דובנאָוו וויל זיין נייטראל. ער האָט נישט פאראורטיילט די חסידישע באוועגונג, אָבער ער האָט איר נישט גלאָריפּי־צירט. עס איז נישט די אויפגאבע פון א היסטאָריקער, וואָס דארף זיין אָביעקטיוו צו פאראורטיילן א גרויסע באוועגונג, וואָס האָט געווירקט אין דער יידישער געשיכטע זייט דעם אכצענטן יאָרהונדערט. געוויסע פּאָזיטיווע שטריכן אין דער באוועגונג קאָנען נישט פארלייקנט ווערן. ווען דובנאָוו פארגלייכט די חסידישע באוועגונג מיט די אסיים, א רעליגיעזע סעקטע ביים סוף פון בית שני, איז דער פארגלייך נישט געווען טרעפלעך. אוודאי, ווען דובנאָוו וואָלט געווען געוווּסט וועגן די אסיים דאָס וואָס מיר ווייסן היינט פון די ים־המלח מגילות, וואָס זענען שפּעטער אנטדעקט געוואָרן — וואָלט ער אזא פארגלייך נישט געמאכט. און ווען דובנאָוו שטרייכט אונטער די אַבערגלויבענישקייטן פון די חסידים איז דאָס נישט א נעגאטיווע אָפּשאצונג, נאָר אַן אָביעקטיווע אָבסערוואציע פון אַן ערלעכן היסטאָריקער, אַן אָבסערוואציע, וואָס א ראציאָנאלער מענטש קאָן נישט אָפּלייקענען.

די אָפּאָזיציע קעגן דער חסידישער באוועגונג איז געקומען פון די מתנגדים, פון דעם ווילנער גאון און די לומדים, אזוי ווייט אז אין יאָר 1772 האָבן די רבנים פּראָקלאמירט א חרם קעגן די חסידים און פאראָרדנט צו פארברענען די חסידישע ספרים. די חסידים זענען נישט געבליבן שולדיק און האָבן אויך פּראָקלאמירט א חרם קעגן די מתנגדים. מנחם מענדל פון וויטעבסק און שניאור זלמן פון ליאדי האָבן געפּרוּווט זיך צו ווענדן צום ווילנער גאון, אָבער דער גאון האָט זיי נישט אויפגענומען.

אין 1781 איז פּראָקלאמירט געוואָרן נאָך א שארפערער חרם קעגן די חסידים: ״זיי מוזן פארלאָזן די קהילות צוזאמען מיט זייערע ווייבער און קינדער. עס איז פארבאָטן זיי צו איבערנעכטיקן. זייער שחיטה איז טרייף־פּסול. עס איז פארבאָטן צו מאכן געשעפטן מיט זיי. פארבאָטן חתונות מיט זיי. נישט ברענגען זיי צו קבר ישראל אויף א יידישן בית־עלמין״.

צו דעם קאמף קעגן דער חסידישער באוועגונג זענען שפּעטער צוגעשטאנען די משכילים.

צו דעם אלעם איז אויך נויטיק צוצוגעבן, אז די מתנגדים האָבן זיך אויך באנוצט מיט מסירות צו דער קעניגלעכער אדמיניסטראציע קעגן די חסידים און די חסידים האָבן זיי אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע.

אָבער שוין אין 19־טן יאָרהונדערט איז געוואָרן קלאָר, אַז די חסידישע באוועגונג האָט געזיגט אין דער מלחמה, וואָס די מתנגדים האָבן געפירט קעגן איר. חסידיזם האָט זיך עטאבלירט און געוועלטיקט אין מזרח און דרום־מזרח פון אייראָפּע.

---

ב. פורמאַנסקי

## צום אָנדענק פון וולאַדימיר וויסאָצקי

שוין דערעסן, שוין גענוג!
שוין דערווידער איז מיר אלץ,
פולע וואַסער איז די קרוג
און דאָס ביטערניש צום האלדז.

ס׳איז דאָס פאָלק מיר ליב און טייער,
אלע זענען מיינע פריינד,
ס׳זאָל דאָס לעבן ווערן פרייער,
כ׳האָב די אויגן אויסגעוויינט.

ווּ מען גיט זיך נאָר א קער,
חוצפּהדיק איז אלץ פארשייט,
דער וואָס דראָט מיט שארף געווער —
איז אין שעפּסן פעל פארקליידט.

זינג איך לידער און ראָמאנסן,
פול מיט צער און פול מיט טרויער,
לוויות אָן די קראנצן —
קבורה גריבער — לעבן מויער.

ווי אזוי איך וועל אוועק,
קיינער וועט אייך גאָרנישט זאָגן,
אין די ווינקלען קעניגט שרעק —
שווער פון דאָרט זי צו פאריאָגן.

פאריותמט די גיטארע הענגט,
אויף אַ פוסטער גראָער וואַנט —
נאָך מיר זי הארציק בענקט,
קיינער נעמט זי נישט אין האנט.

---

וולאַדימיר וויסאָצקי — פּאָעט, טרובאַדור און קאָמ־פּאָזיטאָר — געשטאָרבן אין סאָוויעטן־פארבאנד אין 1979.

**מ. אייזענבוד**

# 12־טער אויגוסט 1952

דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט וועט אָן שום ספק באַצייכנט ווערן אין דער יידישער געשיכטע ווי דער טראַגישסטער י״ה.

די צוויי דאַטעס וועלכע סימבאָליזירן די תקופה זענען דער 19־טער אַפּריל 1943 און דער 12־טער אויגוסט 1952. כאָטש מיט דער דאַטע פון 19־טן אַפּריל איז פאַרבונדן דאָס אומקום פון זעקס מיליאָן יידן, און דער 12־טער אויגוסט — דירעקט מיט 24 שרייבער און קולטור־טוער, דאָך איז דערלאָזבאַר דער פאַרבינדונגס־שטריך.

די טראַגישקייט פון דעם פאַרבינדונגס־שטריך ליגט אויף אַן אַנדער פלאַך, ווי בלויז ציפערן. היטלעריזם איז אויפגעקומען אין דייטשלאַנד אין די דרייסיקער יאָרן און זיך צעגאָסן איבער אייראָפּע. ספּעציעל שטאַרק איז באַווירקט געוואָרן פּוילן, וווּ עס האָבן געלעבט דריי מיליאָן יידן.

מיטן זיג פון היטלעריזם, זענען די יידן פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט געוואָרן אויף אַנטיסעמיטישע רדיפות, פאַרפאָלגונגען, שווערע צייטן. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן דעם טאָטאַלן פאַרנעם פון חורבן, נאָכן זיג פון די נאַצישע אַרמייען.

סאָוויעט־רוסלאַנד — ביי אַלע יידישע קוואַנקלענישן וואָס שייך סימפּאַטיע לגבי דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, וועלכן די סאָוויעטן האָבן אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך (מיט דער הילף פון יידישע קאָמוניסטן), אָבער — אַפילו די גרעסטע קעגנער פון באָלשעוויזם זענען נישט דרייסט געווען צו באַשולדיקן די סאָוויעטן אין אַנטיסעמיטיזם.

די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אין רוסלאַנד, מיט קערענסקיס דעקרעט פון 1917, וואָס האָט אָפּגעשאַפן אַלע באַגרענעצונגען, האָט אָנגעהאַלטן ביז די יאָרן 48־1949, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אַרעסטן פון יידישע שרייבער, אַרטיסטן און קולטור־טוער.

די אַרעסטן פון איזי כאַריקן (מיטגליד פון ווייסרוסישן צ.ק. און יידישער דיכטער), קולבאַקן, מאַקס עריק, וואַקאָוון, אסתר פרומקין און אַנדערע יידישע טוער פון דער ביראָבידזשאַנער איבערוואַנדערונגס־באַוועגונג — האָט מען פאַררעכנט אין דער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע פון פּאָליטישע ״ריין־יקונגען״. פון די זעלבע ״ריין־יקונגען״ האָבן אין יענער צייט אויך געליטן אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

מיטן מאָרד פון די יידישע שרייבער און דאָס גרייטן דעם פּראָצעס פון די יידישע דאָקטוירים (די מערדער אין ווייסע כאַלאַטן...) איז אויך דערמאָרדעט געוואָרן די לעצטע יידישע האָפענונג פון מענטשן־רעכט, וועלכע די סאָוויעטן האָבן אַזוי פייערלעך פּראָקלאַמירט אין דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע.

עס איז נישט שווער פאָרויסצוזאָגן די קאָנסעקווענצן פון סטאַלינס פּלענער לגבי יידן, ווען דער טויט וואָלט נישט אָפּגעשלאָסן אַ דראַמאַטישע תקופה אין דער געשיכטע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

נעמענדיק אין אַכט דעם גורל פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זייערע היים־ערטער און פאַרשיקט אין די וויסטענישן, מיט מינימאַלע מעגלעכקייטן איבערצולעבן — קאָן מען זיך פאָרשטעלן וואָס וואָלט געוואָרן פון די יידן, וואָס זענען דאָס רוב אַ שטאָטישער עלעמענט.

די האָפענונגען וואָס יידן האָבן פאַרבונדן מיט ״לינקע״ באַוועגונגען (קאָמוניזם, סאָציאַליזם, ראַדיקאַלן), פאַר דער פאַרזיכערונג פון דער נאַקעטער עקזיסטענץ, מיט אַ באַגרענעצטער מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט אַ קולטורעלן לעבן (סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט — נאַציאָנאַל אין פאָרם), איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיטן לעצטן אָטעם פון מאַרקיש, בערגעלסאָן, פעפער, האָפשטיין...

אַרום די זעכציקער יאָרן האָט מען די שרייבער ״רעהאַביליטירט״ ווי יחידים — אָבער דאָס יידישע פאָלק איז ווייטער געבליבן פאַרמשפּט.

פּונקט ווי די איינשטעלונגען פון דער קאַטוילישער קירכע לגבי יידן, האָט זיך געטראָגן פון לאַנד צו לאַנד, אַזוי איז די סאָוויעטישע איינשטעלונג אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט, און דער עיקר — אין די סאַטעליטן־לענדער.

יידן, לויט דער טראַדיציע, דערציאונג און רעליגיע — זענען אַ פאָלק מיט הומאַניטאַרע נייגונגען. דערפאַר האָבן יידן פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין ראַדיקאַלע באַוועגונגען. אין אַמעריקע, למשל, האָבן יידישע סטודענטן געקעמפט פאַר נעגער־רעכט.

ווען אַלאַנדע איז געקומען צו דער מאַכט אין טשילי, האָבן אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן פאַרלאָזט דאָס לאַנד. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין קאַסטראָס קובאַ.

דער אָפּקלאַנג פון שאָס אין ליוביאַנקער תפיסה, האָט ווי אַן עכאָ זיך צעטראָגן אומעטום, וווּ אַ קאָמוניסטישע רעגירונג איז ביי דער מאַכט.

מיטן אומקום פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער איז נישט נאָר אָפּגעריסן געוואָרן אַ לעבעדיקער אבר פון אונדזער פאָלק — נאָר אויך אַ חלום, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ווירקלעכקייט האָט זיך אויסגעלאָשן.

אין דער געשיכטע וועט עס דערשיינען אונטער דער דאַטע: 12־טער אויגוסט 1952.

---

אויך דאָ אַרבעט די מענטשלעכע נאַטור: פּראָפיטן — אָן זאָרג וועגן די מעגלעכע קאָנסעקווענצן.

נישט די דעמאָנסטראַציעס און נישט די רעזאָלוציעס, און די לעבערלעכע אויפשריפטן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט: נוקלעאַר־פרייע זאָנע, אויפגעשטעלט דורך לינקע שטאָט־פאַרוואַלטונגען — וועלן נישט ענדערן די סיטואַציע.

מיר לעבן אין שאָטן פון היראָשימאַ. די איינציקע טרייסט איז, אַז די פּאָליטיקער וועלכע האָבן קריגערישע אַמביציעס, וועלן דאָס מאָל פאַרשטיין, אַז נישט זעלנער אויף די פראָנטן וועלן אומקומען — נאָר אויך זיי און זייערע פאַמיליעס.

— מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

אויגוסט־סעפטעמבער 1985 | נומער 4 (48) | מעלבורן, אויסטראַליע

## אין שאָטן פון היראָשימאַ

די אַנטוויקלונג פון דער טעכנאָלאָגיע איז אַ כסדרדיקער דראַנג פאָרויס צו נייע אַנטדעקונגען און דערפינדונגען. דעם דאָזיקן פּראָצעס איז קיינער נישט בכוח אָפּצושטעלן, אָדער לכל־הפּחות צו קאָנטראָלירן.

"וואָלט נישט געווען פּערל־האַרבאָר" — זאָגן טייל אַמעריקאַנער — "וואָלט נישט געווען היראָשימאַ". דער דאָזיקער פאַרגלייך לייגט זיך אויפן שכל. אָפּצושטעלן אָבער די עקספּערימענטן פון די פיזיקער צו צוימען און אָנווענדן די נוקלעאַרע קראַפט לויט זייער איינזען — די דאָזיקע שעפערישע אָנשטרענגונג פון די וויסנשאַפטלער וואָלט סוף כל־סוף דערגרייכט דעם ציל — אפילו אָן אַ מלחמה.

די באַדערפעניש פאַר אַזאַ דראַסטיש געווער האָט בלויז די דאָזיקע אַנטוויקלונג צוגעאײַלט — פאַרן פּרייז פון 2 ביליאָן דאָלאַר.

סוף דרייסיקער יאָרן האָבן דײַטשע וויסנשאַפטלער און פאָרשער עקספּערימענטירט מיט דער דאָזיקער — דערווײַל טעאָרעטישער קראַפט — וועלכע מען קאָן אַרויסבאַקומען פון אוראַניום.

צוליב די נאַציסטע נירענבערגער געזעצן, האָבן אַ גרויסער טייל פון די פיזיקער, וועלכע זענען געווען ייִדן, געמוזט פאַרלאָזן דײַטשלאַנד און זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע (צווישן זיי איינשטיין און אָפּענהיימער). די פאַרבליבענע וויסנשאַפטלער זענען ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט.

דאָס שאַפן אַן אַטאָם־באָמבע איז אויך געווען אַ פאַרמעסט צווישן די ייִדישע און "אַרישע" וויסנשאַפטלער — ווער פריער?

צום גליק פון דער וועלט האָבן די וויסנשאַפטלער אין אַמעריקע די ערשטע דערגרייכט דעם ציל.

זינט דעם געבורט פון דער אַטאָם־באָמבע איז די וועלט נישט מער די זעלבע — ווי זי איז געווען.

ס'איז דאָ אַ מיינונג: ס'איז נישט קיין אונטערשייד וויפיל באָמבעס מען שאַפט, אַזוי לאַנג ווי זיי ליגן אין אַרסענאַל, זענען זיי אומשעדלעך.

מען קאָן דערבײַ באַנוצן די לאָזונג מיט וועלכער עס באַנוצט זיך די "לאָבי" פון די, וועלכע קעמפן קעגן באַגרענעצן די פּערזענלעכע פרייהייט פון באַזיצן געווער אין אַמעריקע: "דאָס געווער מאָרדעט נישט — דער מענטש מאָרדעט".

וואָס ווײַטער מען דערווײַטערט זיך פון היראָשימאַ — אַלץ שטאַרקער (מען קאָן אפילו ריזיקירן און זאָגן: היסטערישער) ווערט די אַנטי־נוקלעאַרע באַוועגונג.

אין אָנבליק פון אָט דער באַוועגונג שווימט אַרויס אַ נאַאיווע פראַגע: אַלע זענען מסכים, אַז די דאָזיקע באַוועגונגען ווערט אינספּירירט און אָנגעפירט פון לינקע עלעמענטן. פרעגט זיך: פאַרוואָס דעמאָנסטרירן נישט די רעכטע עלעמענטן? איז זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער טאַקע גאָרנישט ווערט? פאַרקערט: מיר נעמען דאָך אָן, אַז רעכטע זענען דער פאַרמעגלעכער קלאַס, האָט ער דאָך דעריבער מער צו פאַרלירן, און דאָך דעמאָנסטרירט ער נישט.

זענען די רעכטע אימון פון דער אַטאָם־באָמבע? פאַרשטייט זיך, אַז אויך דער ענטפער וועט זײַן אַ נאַאיווער, ווײַל בלויז נאַאיווע זעען נישט דעם תוך פון דער אַלוועלטלעכער אַנטי־נוקלעאַרער באַוועגונג: דער באַזיס פון איר איז **אַנטי־אַמעריקאַניזם.**

עס ליגט שוין אין דער מענטשלעכער נאַטור: מען קאָן אַרויסרופן דעמאָנסטראַציעס אינספּירירט דורך האַס — קעגן עפּעס. וואָלטן די זעלבע אָרגאַניזאַטאָרן געקאָנט אַרויספירן כאָטש אַ העלפט פון דער צאָל דעמאָנסטראַנטן לטובת די אידייען פון קאָמוניזם?

מיט אַ צענדליק יאָר צוריק איז די באַזע פאַר אַנטי־אַמעריקאַניזם געווען די באַוועגונג קעגן דער וויעטנאַמער מלחמה. (אפילו אין מעלבורן, ווען אויסטראַליע איז געווען אַ שותף צו דער מלחמה — האָט מען נאָך אַלץ דעמאָנסטרירט קעגן אַמעריקע...)

מען גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז אויב בלויז רוסלאַנד און אַמעריקע וואָלטן געווען די איינציקע צו באַזיצן אַטאָמיש וואָפן — וואָלט אפשר די לאַגע נישט געווען אַזוי ערנסט.

מיר זעען אָבער, אַז אַראַבישע לענדער אָנגעשטאָפּטע מיט דאָלאַרן, זוכן צו באַפרידיקן זייער טרוים פון וועלט־הערשאַפט דורך אויפשטעלן אַטאָם־רעאַקטאָרן אין זייערע לענדער.

דער ערשטער צווישן זיי איז קאַדאַפי, דער דיקטאַטאָר פון ליביע. די רעאַקטאָרן שטעלט אויף פראַנקרײַך. אָן רעאַקטאָרן קאָן מען קיין באָמבעס נישט מאַכן. אויף וואָס קאַדאַפי איז פעאיק — דאָס דאַרף מען קיינעם נישט אויפקלערן.

דעמאָנסרירט עמיצער קעגן פראַנקרײַך? — אַ נעכטיקער טאָג. וואָרים וואָס פאַר אַ טעם קאָן שוין האָבן אַזאַ דעמאָנסטראַציע?

# $1.15 MILLION

# וועלפער־רעליף אַפּיל

### פֿאַרגרעסערטע אויפֿזיכט אין 86־1985 וועט קאָסטן 1.86 מיליאָן דאָלאר

| | |
|---|---|
| זאָרג פאר די עלטערע ............ | $345,000 |
| אויסגאבן פאר הינטערשטעליקע קינדער און דערוואַקסענע ....... | $514,000 |
| זאָרג פאר גייסטיקע און פיזיש־הינטערשטעליקע .......... | $400,000 |
| זאָרג פאַר נויט־באַדערפטיקע, פאמיליעס און אימיגראנטן .... | $367,000 |
| קרובים זוכן, דאָקומענטאַציע און אַדמיניסטראציע ............... | $234,000 |

### די וואַקנדיקע זאָרג וועט דערגרייכן 1.86 מיליאָן דאַלאַר

| | |
|---|---|
| 1985 וועלפער־רעליף אַפּיל .................................. | $1.150,000 |
| אָפּצאָלן און באַלאַסטן ........ | $283,000 |
| ירושות און ספּעציעלע באַשטייערונגען .................. | $270,000 |
| רעגירונגס־סובסידיעס .......... | $157,000 |

## וואַקסנדיקער זאָרג און פאַרגרעסערטע אויפֿזיכט...

דער הילפס־פאָנד איז שטאָלץ מיט זיינע פריערדיקע דערגרייכונגען, אָבער אונדזער גרעסטע זאָרג איז די צוקונפט.

• זאָרג פאַר די פּראָבלעמען פון די עלטערע • זאָרג פאַר די הינטערשטעליקע און גייסטיק־קראַנקע • זאָרג וועגן פאַמיליע־צוזאַמענברוכן און זייער ווירקונג אויף די קינדער • די הילפס־טעטיקייט איז געשטיגן פאַר די פאַרגאַנגענע 18 מאָנאַטן מיט 30 פּראָצענט • זאָרג פאַר די עלטערע • זאָרג פאַר קינדער • זאָרג פאַר יונגע הינטערשטעליקע.

אָט די אַלע נייע טעטיקייטן זענען אַ צוגאָב פאַר די נאָרמאַלע זאָרגן פאַר יונגע און אַלטע. דאָס איז אונדזער **זאָרג** — דער וועג צו ווייזן **דיין זאָרג** איז צו באַשטייערן זיך מיט אַ ברייטער האַנט.

AUSTRALIAN
JEWISH WELFARE
& RELIEF SOCIETY
466 Punt Road, South Yarra, 3141.
(P.O. Box 438, South Yarra)
Tel: 266 3727

**העלפט דעם הילפס־פאָנד צו העלפן אַנדערע!**

DONATIONS ARE TAX DEDUCTIBLE

## 1985 WELFARE RELIEF APPEAL

ISSN 0155-0128

48

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ.א. — אין שאָטן פון היראָשימאַ ........ 1

מ. אייזענבוד — 12־טער אויגוסט 1952 ........ 2

ב. פורמאַנסקי — צום אָנדענק פון וולאַדימיר וויסאָצקי — ליד ........ 3

ד״ר מ. פערשטענדיק — 250 יאָר חסידיזם ........ 3

שלום ג. — מען זוכט ביי אַ קאָזאַק יושר... ........ 8

הערשל באַכראַך — דער יידישער גירוש פוילן 1968 ........ 9

י. מ. לעווין — אַדעלע שאַו — פּראָפיל פון אַ קינסטלערין ........ 11

יעקב ראָזענבערג — אין ליכט פון גערמאַנישער מיטאָלאָגיע ........ 12

י. קאַפּע — מיין אינטואיציע רעדט צו מיר ........ 13

ב. ווינער — צי האָט מען אין די געטאָס געוווּסט וועגן אומקום? ........ 16

מיכאַל גאָלדמאַן — וואָס וואָלט געווען, ווען... ........ 17
(23 יאָר נאָכן טויט־אורטייל אויף אדאָלף אייכמאַן)

א. קאַרפּינאָוויטש — אַ יידישער קאָנצערט איז געבוירן ........ 18

מעם — פאַרבייגייענדיק ........ 20

. . . — פון אונדזער סביבה ........ 20


פרייז: 2 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער ״קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נ״ר 4 (48) אויגוסט־סעפּטעמבער 1985